№ 33 Redakcyjność pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשן • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

Piątek 14 sierpnia 1936 | ליכט-צינדען 6.48 | פרייטאג פ' ראה כ"ו מנחם אב תרצ"ו

Bibljot. Jagiellońska Kraków św. Anny 19

ZAPISY
do gimnazjum i szkoły powszechnej
Tow. ŻYDOWSKICH SZKÓŁ ŚREDNICH i POWSZECNYCH
W CZĘSTOCHOWIE, DĄBROWSKIEGO 7. TEL. 11-58
przyjmuje codziennie kancelarja od godz. 9-ej do 12-ej.
Termin egzaminów będzie dodatkowo ogłoszony.

Kierownictwo Koedukacyjnej 7-mio kl. Szkoły Powszechnej
MGR. T. WAJNBERŻANKI
z prawami szkół państw.
w Częstochowie, I Aleja 8
zawiadamia, że przyjmuje codziennie zapisy nowowstępujących uczniów i uczenic do wszystkich klas od godz. 9—13. Nauki judaistyczne w szerokim zakresie pod kier. prof. B. Wajnberga. Uwaga: Od 1-go sierpnia br. SPECJALNY KURS PRZYGOTOWAWCZY dla uczniów i uczenic słabych w nauce oraz nowowstępujących. Dla niezamożnych ulgi

ADWOKAT
R. LEWKOWICZ
w WIELUNIU
przeprowadził się
z ul. Narutowicza 17
na ul. Kaliską № 5, front, I-e piętro.

אדוואקאט
ר. לעווקאוויטש
וויעלון,
האט זיך איבערגעצויגן
פון נארוטאוויטשא 17
אויף קאליסקא 5, פראנט, 1 שטאק

מעלדונג.
דערמיט מעלדען מיר דער עפענטליכקייט, אז צוליעב דאס שעדיגען די אינטערעסען פון די מיטגלידער, איז לויט'ן פאראגראף 11 פונקט 2 דער מענער-שניידער ה' **וואלף שווימער**, מאסטאווא 5 אויסגעשלאסען פון צווייטען יודישען שניידער צעך.
די פערוואלטונג.

אכטונג וויעלון!
אין מיין ניי-ערעפענטען
לעדער-געשעפט און **שטעפעריי**
אויף נארוטאוויטשא 15 בעקומט מען אלע זארטען לעדער ווי אויך שוסטער-צודאטען צו ביליגע פרייזען
יעקב טאביאש.

טליתים וואלענע, זיידענע, **עטרות, ציצית, תפילין, מחזורים** איבערזעצט פויליש, **חומשים, סידורים, מדרש-רבה, צאינה-וראינה** מיט עברי דייטש א. ז. וו. **שול-ביכער** העברעאישע און פוילישע צו מעסיגע פרייזען, **שרייב-מאטעריאלען**
פראנט-געוועלב
בערקא יאסעלעוויטשא 1.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZHA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.
Filja: Warszawska 37.
מיר נעמען אן צו וואשען **קראגענס** מיט לאנג - דויערענדען שפיגעל-גלאנץ ווי אויך **כעמיש** צו רייניגען און צו פארבען אלערארט קליידונג.
ספעציאליטעט: 1) פארבען לעדערנע קורטקעס
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען).
אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן ארט

Członkowi Zarządu naszego Stowarzyszenia
p. Maurycemu Galsterowi
spowodu zgonu Jego
b. p. MATKI
składa wyrazy prawdziwego żalu i głębokiego współczucia
Zarząd Stow. Przemysłowców i Kupców w Częstochowie.

אהבה! הננו משתתפים בצערך למות עליך
אמך ז"ל
בעבודתך בעד רעיוננו הקדוש מצאי תנחומים!
מפקדת וקן בית"ר בוילון,

Najgłębsze współczucie koleżance LIBIE z powodu zgonu
b. p. MATKI
składają:
MANIA, KAJLA, KRASLA, FRYMCIA, JETKA i ELA.

פארבעריי און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
ב. יאסעלעוויטשא 11
(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע)
אונטער דער ליטונג פון אן'אבסאלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע - שולע אין ווארשא מיט לאנג-יעהריגער פראקטיק
ספעציאליטעט:
1) פארבען לויט מוסטערן,
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט),
3) כעמיש רייניגען און פאטאבירען קאפעלושן,
4) וואשען שטייפע מענער-וועש מיט א דויערהאפטען שפיגעל-גלאנץ.

צו דער חתונה פון אונזער ליבען ברודער און שוואגער **אריה שמולעוויטש** מיט אונזער ל. שוועגערין און שוועסטער **זאשא פייגע** ווינשען מיר זיי א גליקליך הארמאניש צוזאמענלעבען
ישראל שמולעוויטש און פרוי.

פיעל גליק און א צופרידען צוזאמענלעבען ווינשען מיר אונזער ל. זוהן **אריה** צו זיין חתונה מיט פרל. **זאשא פייגע**
זאלען מיר פון זיי דערלעבען פיעל נחת און פרייד.
אברהם שמולעוויטש און פאמיליע

Z okazji zaślubin brata mojego ARNOLDA SZMULEWICZA z p. ZOSIĄ FAJŻANKĄ
życzę Im, aby szczęście nie odstąpiło od ich progów.
HENIEK

צו דער חתונה פון אונזער פריינד ה' **ישראל איסר שאנצער** מיט פרל. **העניא גוטשטאט**
פיעל גליק און צופרידענהייט ווינשען
יצחק מאיר סטאפניצער, דוד גליקסמאן

4 פארשטעלונגען פון די ארטיסטען פון לאדזער טעאטער **„פילהארמאניע"**
פייערלעשער-זאל היינט, פרייטאג 9 אווענד
דער לעצטער ווארשאווער שלאגער אין 3 אקטען מיט געזאנג פון מ. סיגעלסאן
אומגעזעצליכע קינדער.
אין זאל „מכבי" מארגען, שבת 4 נאכמיטאג
צו ביליגע פרייזען פון 54 גר. ביז 1,40 דער בעליבטער וועלט-שלאגער אין 3 אקטען
רומענישע חתונה 20 נומערן געזאנג.
אין זאל „מכבי" מארגען שבת 9 אווענד
צום צווייטען מאל דער גרויסער שלאגער אין 3 אקטען
אומגעזעצליכע קינדער
פייערלעשער-זאל זונטאג 16 ד. ח. 9 אווענד
לעצטע פארשטעלונג אין 4 אקטען מיט געזאנג פון ל. קאברין
ליבע צו פערקויפען
בילעטען-פארפערקויף אין דרוק. פון ה' באטשאן און שבת פון 11 פריה אין מכבי-זאל.

דער לאנגיעהריגער דיפלאמירטער
מאלער-מייסטער
דניאל דזיאלאוויטש
יאסנאגורסקא 19. טעל. 17-37.
נעמט אן אלערארט מאלער-ארבייט צו קאנקורענץ-פרייזען און אויף גוטע בעדינגונגען.

PODZIĘKOWANIE.
Za troskliwą opiekę w czasie choroby i wyleczenie syna i brata naszego, wyrażamy niniejszem serdeczne podziękowanie lekarzom oraz pielęgniarkom Szpitala Żydowskiego, a w szczególności pp: Dr. Lipińskiemu, dr. Kaganowi, dr Marji Kohn-Szajnowej i dr. Wajsberg.
RODZINA SZKLARZ, Konopisk.

Szkoła Rzemieślniczo-Przemysłowa
dla Żydów
w Częstochowie, Garncarska № 8.
podaje do wiadomości, że zapisy trwają.

צוליעב'ן טויט פון
נ"ע **גיטל במורא** (לאדז)
דריק איך אויס דער איבערגעבליבענער פאמיליע מיין טיפסטען מיטגעפיהל.
אבא ווינער (טשענסטאכאוו).

פון וואהל = פראנט.

מאנטאג, אין ערשטען טאג פון אננעהמען די וואהל-ליסטעס, זענען שוין אריינגעטראגען געווארען עטליכע קאנדידאטען ליסטעס. באלד אין דערפריה 8 א זייגער, ווי נאר מען האט געעפענט די קהלה-קאנצעלאריע, איז שוין געשטאנען א פערטרויאונגס-מאן פון דער „אגודה" און בעלעגט די ערשטע ליסטע, וועלכע האט טאקי בעקומען דעם נומער 1.

די ערשטע נעמען פון דער דאזיגער ליסטע נעהמען ארום אויסער גערער חסידים, אויך נעמען פון זשאריקער, סטריקאווער, סקערניעוויצער „פועלי אגודת ישראל" און אנדערע חסידים. די הויפט-קאנדידאטען זענען: יצחק מאיר קרעל, אברהם שאפירא, דוד שלמה ערליך, אברהם משה ווארמאן און אברהם עפשטיין.

באלד דערנאך איז אויך אריינגעטראגען געווארען די ליסטע פון קצבים און ווארשטענמאכער - צעך, וועלכע האט בעקומען דעם נר. 2 און אויף וועלכער עס פיגורירען: יצחק טשעטשורא און יוסף פראגע.

גלייכצייטיג האבען שוין פון דערפריה אן געווארט אין דער קהלה די פארשטעהער פון „בונד" און „פועלי ציון", וועלכע האבען אבגעהיטען, כדי צו בעקומען זייערע טראדיציאנעלע וואהל-נומערן. ווי נאר אלזא ס'איז אריינגעטראגען געווארען די צווייטע ליסטע, האט א פארשטעהער פון „בונד" בעלעגט א פיקטיווע ליסטע, כלומר'שט אין נאמען פון עפעס א בלאק פון פראפ. אינטעליגענץ, וועלכע האט בעקומען דעם נר. 3 און דערויף האט אנ'אנדערער פארשטעהער פון „בונד" בעלעגט זייער אייגענטליכע ליסטע און בעקומען דעם פאר זיי נויטיגען נר. 4. אויף דער דאזיגער ליסטע קאנדידירען: אהרן פרץ, ישראל יאראנאווסקי און משה בערקענשטאט.

דאמאלס ווידער איז אין נאמען פון די פועלי ציון (רעכטע) אריינגעטראגען געווארען זייער ליסטע אונטער'ן נר. 5, וועמענס ערשטע נעמען לויטען: דר. גרשון שאפער, יהושע שטרויס און וויען.

אין פערלויף פון מיטוואכדינען טאג איז אין דער וואהל-קאמיסיע פון דער קהלה איינגעפלאסען סך-הכל 1 קאנדידאטען-ליסטע. דאס האבען די וויערושאווער חסידים, נישט קענענדיג זיך דערוואר-טען אויף זייער טראדיציאנעלען נומער 7, אריינגעטראגען זייער קאנדידאטען-ליסטע און בעקומען דעם נר. 6. אויף דער דאזיגער ליסטע פיגורירען אלס ערשטע: מענדיל לובארט, שמואל זעלינגער און שלום ערליך.

נעכטען דאנערשטאג איז ווידער אריינגעטראגען געווארען איין ליסטע און דאס פון די ראדאמסקער חסידים מיט דעם וויצע-פרעזעס ה' בעריל געווערצמאן אין דער שפיץ, וועלכע האט בעקומען דעם נומער 7. אויף די וויי-טערע ערטער פיגורירען: משה שטאהל און שלמה רוזשעוויטש.

היינט, פרייטאג ביז 3 א זייגער ווערען נאך אנגענומען די וואהל-ליסטעס, אזוי אז מיר וועלען זיך ענדליך דערוויסען ווער ס'זענען אלע עטליכע הונדערט קאנדידאטען, וואס פיגורירען אויף די אנ'ערך 14—15 וועהלער-ליסטעס.

מיר דארפען עס געדענקען!

דער ערשטער עטאפ פון די וואהלען איז שוין אדורך. היינט פרייטאג ענדיגט זיך דאס אריינגעבען די וואהל-ליסטעס און שוין הויבט זיך אן דער אייגענטליכער וואהל-קאמף.

פון די אלע האפנונגען וועגען געמיינזאמע ליסטעס אדער וועגען בלאקען האט זיך אויסגעלאזט א טייך. אמת, אלע האבען געוואלט און אפשר געמיינט ערנסט מיט דער פעראייניגונג פון פערשידענע גרופירונגען, אבער סוף כל סוף געהען כמעט אלע גרופירונגען בעזונדער.

דאס מאל געהען צו דער קהלה מעהר ליסטעס, ווי אין 1931-טען יאהר, וואס ס'בעווייזט, אז דער קאמף וועט זיין א העפטיגער, איבערהויפט ווען מען נעמט אין אכט, אז אויך דאס מאל וועלען בלויז אויף דער יודישער ארבייטער גאס פיגורירען גאנצע דריי צווישען זיך קעמפענדע ליסטעס.

אז דער דאזיגער קאמף צווישען יודען איז אין דער איצטיגער אויסערסט שווערער צייט אנ'אומגליק, איז איבריג צו בעטאנען. אונזער הימעל איז בעדעקט מיט שווערע וואלקענס, מיר לעבען איבער א שוידערליכע צייט, און איצטער, מעהר ווי אלע מאל, איז נויטיג די איינהייט, די ברידערליכע סאלידאריטעט. דער דאזיגער קאמף בעת די קהלה וואהלען איז עלול אויף א לענגערע צייט צו דערווייטערען דעם שלום, די פערשטענדניס צווישען ברידער. דארף טאקי דעריבער זיין די אויפגאבע פון די פעראנטווארטליכע כלל-טהוער, די יעניגע, וועלכע האלטען, אז זיי זענען ראוי צו זיין די רועי-ישראל—פרנסים און דאזארעס ביי יודען, אט אויף זיי ליגט דער חוב זיך צו בעמיהען נישט צו לאזען דאס פייער פון מחלוקת צו צובלאזען.

אוודאי וואלט געווען בעסער, ווען דער גאנצער קאמף וואלט איבערהויפט אויסגעמיטען געווארען. צו דעם האבען מיר טאקי געשטרעבט, מיר האבען גערופען און געווארענט, מיר האבען ס'אונזעריגע געטהון, מיר האבען גערופען די יודישע געזעלשאפט אין אונזער שטאדט צו פעראייניגונג. אויב דאס איז אבער דאך נישט געלונגען, ווענדען מיר זיך ווידער צו די פארשטעהער פון די פערשידענע וואהל-קאמיטעטען: געדענקט, יודען, אין וואס פאר א סיטואציע מיר לעבען. געדענקט, אז די קהלה וואהלען וועלען פאראיבער. צי עס וועט אויסגעקליבען ווערען דער יוד אדער אנ'אנדערער יוד וועט נאך די גאנצע ישועה פאר'ן כלל-ישראל נישט קומען. דער פירוד אבער, וואס אזא וואהל-קאמף קאן גורם זיין, וועט זיין א גרויסער שאדען, אזוי אז עס וועט זיין גרעסער דער שאדען, ווי דער שכר. דארף מען דעריבער געדענקען, אז דאס יודישע לעבען הויבט זיך נישט אן און ענדיגט זיך נישט מיט קהלה וואהלען, נאר אז עס איז דא א גרויס און שווער יודיש לעבען און דאס טאר מען איצט נישט צושטערען.

זאלען דאס אונזערע כלל-טהוער גוט געדענקען!

ש.

איבערגעטריבענער אפטימיזם

די מאסגעבענדע ספערען שאצען אפטימיסטיש אב דעם איצטיגען מאמענט. די פרעסע שרייבט, אז צווישען די מיטארבייטער פון וויצע-פרעמיער קוויאטקאווסקי אויפ'ן געביט פון קאמף מיט'ן ווירטשאפטליכען און פינאנציעלען קריזיס הערשט א זעהר אפטימיסטישע שטימונג.

די בעגרינדונג דערפאר איז די פערגרעסערונג פון די שטייער-הכנסה, בעזונדערס פון אומזאץ שטייער, וואס זאל בעווייזען, אז אין האנדעל און אינדוסטריע איז אריינגעטרעטען א פערבעסערונג, מ'רעדט וועגען דעם, אז די מיליאנען דארפס-מאסען אין פוילען בעקומען צוריק זייער קויפס-קראפט און הויבען אן אלץ מעהר צו קויפען אינדוסטריע-ארטיקלען, דאס זאל זיך פיהלען אין די פאבריקען פון לאנדווירטשאפטליכע מאשינען, אין דער טעקסטיל-בראנזשע און אין דער שיך-בראנזשע. אין די רעגירונגס-קרייזען זאל דעריבער הערשען די איבערצייגונג, אז פוילען איז ענדליך ארויפגעקומען אויפ'ן וועג פון פערבעסערען די ווירטשאפטליכע און פינאנציעלע לאגע.

אזא אבשאצונג איז, לויט אונזער מיינונג נישט בערעכטיגט. אויף אזא אויבערפלעכליכען „קוק" קען זיך ערלויבען נאר א פריוואט-מענש, אבער נישט דער, וועלכער איז פעראנטווארטליך פאר'ן ווירטשאפטליכען צושטאנד פון לאנד.

מ'דארף דאך געדענקען, אז אויב דורך די 18 יאהר פון דער בעגייטער פוילישער אומאבהענגיגקייט וואלט זיך די ווירטשאפטליכע לאגע כסדר פערערגערט וואלטען מיר שוין אלע געווען אויסגעשטארבען. דאס ווירטשאפטליכע לעבען האט גענוג לעבענס-כוחות אין זיך, וועלכע גיבען איהם ענערגיע צום קאמף מיט די שטערונגען. דעריבער האבען זיך געמוזט און מוזען זיך בעווייזען אין לאנד פון צייט צו צייט אבשניטען פון לענגערער אדער קירצערער פערבעסערונג.

די דאזיגע צייט-אבשניטען דארפען אבער נישט ארויסרופען קיין אילוזיעס פון דויערהאפטיגקייט, ווייל נאך זיי קומען שטענדיג לענגערע צייטען פון פערערגערונג. נישט נאר איין חודש קען זיין בעסער פון פריהערדיגען, נאר אפילו א יאהר קען זיין בעסער פון פריהערדיגען. דאס בעווייזט אבער נישט, אז די ווירטשאפטליכע לאגע פערבעסערט זיך סטאביל, ווייל מיר האבען נישט געמאכט קיין שום יסודות'דיגע שריט אין דער הינזיכט, וועלכער וואלט געקענט פערזיכערען א פערבעסערונג. דאס זענען נאר געוועהנליכע קאניונקטור-ערשיינונגען.

דער בעקאנטער עקאנאמיסט באהדאן וויטאוויצקי האט אויף די שפאלטען פון „גאזעטא פאלסקא" זיך ארויסגעזאגט, אז דאס איינציגע ריכטיגע רייכטום פון פוילען איז די ארבייטס קראפט. אלע מעשיות וועגען פוילענס נאטירליכע רייכטימער זענען לעגענדעס, אין רויה-שטאפען זענען מיר זעהר ארים. מיר מוזען ברענגען זעהר פיעל פון אויסלאנד, דעריבער מוזען מיר זוכען אויסצונוצען דאס איינציגע רייכטום פון פוילען – די ארבייטס קראפט און דאס קען געטהון ווערען גאר דורך גרויסע אינוועסטיציע - ארבייטען. די זעלבע עצה האבען זיך געגעבען אמעריקא, ענגלאנד, איטאליען, שוועדען און אנדערע, וועלכע האבען דורך גרויסע עפענטליכע אינוועסטיציע-ארבייטען אנגעהויבען צו בעקעמפען דעם קריזיס און בעוויזען אמת'ע וואונדער אין דער ריכטונג פון ווירטשאפטליכען פארטשריט.

ביי אונז אבער בליהט די ארבייטס-לאזיגקייט אין דער צייט, ווען פוילען דארף מעהר ווי אנדערע לענדער האבען די גרויסע אינוועסטיציע-ארבייטען, נישט אויסנוצענדיג די מיליאנען הענד, וועלכע זענען פעהיג צו ארבייט און מיט וועלכע פוילען דיספאנירט פערטאכליעווען מיר דאס איינציגע אונזער רייכטום, ווי ה' וויטאוויצקי האט דאס אנגערופען.

אין דער לאגע איז דער אפטימיזם פון די מאסגעבענדע פאקטארען בנוגע דער פערבעסערונג פון דער ווירטשאפטליכער לאגע אנ'איבערגעטריבענער.

ווי קען מען בכלל רעדען וועגען א סטאבילער פערבעסערונג פון דער ווירטשאפטליכער לאגע, ווען א טייל פון האנדעל און אינדוסטריע, וועלכע געפינען זיך אין די הענד פון די יודישע בירגער לעבען אין אונרוה און אין אונזיכערקייט.

ווי אזוי קען מען רעדען וועגען א סטאבילער פערבעסערונג. ווען 10 פראצענט פון דער בעפעלקערונג—די יודען—ווערען אויסעלימינירט פון די עקאנאמישע פאזיציעס, וועלכע זיי האבען מיט אזוי פיעל מיה. פלייס און געשיקטקייט ענטוויקעלט און פערגרעסערט די קויפס-קראפט פון דער איבעריגער בעפעלקערונג? ווען די זעלבע דריי מיליאן בירגער, און בעזונדערס די האנדווערקער און קליינהענדלער ווערען פעראָרימט און ווערען אליין אויס קאנסומענטען?

ביי אזא לאגע איז דער אפטימיזם פון די מיטארבייטער פון פרעמיער קוויאטקאווסקי אנ'איבערגעטריבענער און מ'דארף זיך בעציהען צו איהם מיט גרויס פארבעהאלט.

ביז ס'וועלען נישט געמאכט ווערען קיין דרייסטע שריט אין דער הינזיכט פון אויסנוצען די ארבייטס קראפט אויף גרויסע עפענטליכע אינוועסטיציע-ארבייטען. ביז ס'וועט זיך נישט אבשטעלען די אונזיכערקייט פון מיליאנען אין האנדעל, מלאכה און אינדוסטריע. ביז ס'וועט זיך נישט אבשטעלען די ברוטאלע באיקאט בעוועגונג, קען קיין רייד גישט זיין וועגען א סטאבילער פערבעסערונג פון דער ווירטשאפטליכער לאגע.

י. ב.

פון „אחדות ישראל" ביי נ.צ.א.

דערמיט ווערט בעקאנט געמאכט אלע נ.צ.א.-גרופירונגען, דאס אין דער קונפטיגער וואך ווערען די ערשטע צוויי פראגען פאר דער „אגרת אזוח ציוני"-אקציע ענדגילטיג אבגעשלאסען. די יעניגע חברים, וועלכע האבען זיך נאך נישט פערזעהען מיט די „אגרת" ווערען אויפגעפאדערט זיך צו מעלדען אין לאקאל פון „אחדות-ישראל", אלעע 8, וועלכער איז טעטיג יעדען אוונט פון 8.30 ביז 10.30.

— שבת, פ' עקב 7 פריה ווערט געלערנט א שעור גמרא ראש השנה. פונקטליך 8.30 פריה ווערט אין אייגענעם לאקאל געדאווענט.

— שבת 5 נאכמיטאג וועט דער ה' פראפ. דוב וויינבערג רעפערירען וועגען אקטועלע ענינים אין יעצטיגען מאמענט.

פון „ברית חשמונאים".

עס איז געשאפען געווארען א הנהגה זמנית, וועלכע איז צוגעטרעטען צו אקטיווע ארבייט. שבת, פ' עקב 3 נאכמיטאג קומט פאר א שיחת פון גאנצען קן אונטער דער לייטונג פון ח' גרייצער.

אויסגעצייכענטע פוילישע לופט-קאמוניקאציע פון ארץ-ישראל קיין פוילען.

די לעצטע חדשים איז צו בעמערקען אויף דער פוילישער לופט ליניע פון גריכענלאנד קיין פוילען א לעבהאפטען פאסאזשיר-און פאסט-פערקעהר. אין מעהרערע פאלען זענען דאס פאסאזשירען, וואס קומען-אן פון חיפה קיין אטען מיט דער פוילישער שיף „פאלאניא" און דאן פליהען זיי קיין פוילען מיט'ן עראפלאן, אדער זיי שיקען ארויס קיין פוילען זייער קארעספאנדענץ דורך דער לופט-פאסט.

א דאנק דעם קאמבינירטען ים-און לופט-פערקעהר שפארען זיי איין פיעל צייט, ווייל בעת „פאלאניא" פאהרט פון אטען קיין קאנסטאנץ 4 טאג, פון וואו די רייזע (איבערפיהרען די פאסט) מיט דער באהן דויערט נאך 1 טאג, דאמאלס מאכט דורך דער עפעראפלאן די רייזע פון אטען קיין פוילען (לעמבערג, ווארשא) אין משך פון 1 טאג.

מיט דער זעלבער שנעלקייט פיהרען די עראפלאנען די פאסט פון פוילען קיין ארץ-ישראל. אין משך פון 1 טאג פון ווארשא אדער לעמבערג קיין אטען און צומארגענס פון אטען קיין ארץ-ישראל. די פוילישע עראפלאנען קורסירען אבער פון פוילען קיין גריכענלאנד נור 3 מאל אין וואך (דינסטאג, דאנערשטאג און שבת) און דעריבער איז געוואונשען, אז די אנגעבער פון לופט-פאסט זאלען אוועקשוקען אין אוונד, ערב דעם אבפליהען פון די עראפלאנען. אויף דער קאפערט פון די דאזיגע ארויסגעשיקטע בריעף מיט דער לופט-פאסט קיין ארץ-ישראל דארף מען צושרייבען:

„Lotnicze par avion via
Bucuresti Athinai"

די צוגאב אבצאהלען פאר לופט-פערקעהר (אויסער די געוועהנליכע פאסט-טאריף) בעטרעפט פאר יעדע 5 גראם 20 גראשען, מינימום 25 גר. בריעף צום לופט-פערקעהר קען מען אנגעבען אין יעדען פאסט-אמט.

סטאראסטא ראגאווסקי צוריקגעקומען פון אורלויב.

דער סטאראסטא באזילי ראגאווסקי האט זיך צוריקגעקעהרט פון אורלויב און נעכטען, דאנערשטאג, דעם 13 דח. וועט ער אנהויבען צו אמטירען.

פון דער פאליציי.

דער לייטער פון דער אויספארשונגס-אבטיילונג פאדקאמיסאר קאסטירקא האט זיך צוריקגעקעהרט פונ'ם אברוה-אורלויב און איבערגענומען זיין אמט.

ברעקלעך

דורך וואסערע ברילען מען קוקט...

אין שפאניען איז אויסגעבראכען א בירגער-קריעג. איין ברודער מארדעט דעם אנדערען און בלוט גיסט זיך דארט, ווי וואסער.

מען שמועסט אפילו, אז הינטער די קוליסען פון דער בלוטיגער שפאנישער דראמע שטעהען פעראינטערעסירטע מלוכות, וועלכע זענען בלוט דורשטיג און האבען גרויס הנאה בעת עס רינט מענשליך בלוט. און אויב דאס בלוט, וואס זיי פערגיסען ביי זיך אינדערהיים, איז זיי ווייניג, האבען זיי פעראורזאכט, אז ס'זאל זיך אויך גיסען שפאניש בלוט—דאס קאסט ביליגער און ס'איז אויך בעקוועמער.

ווי ס'ווייזט זיך ארויס, וועט די דאזיגע צופלאקערטע מלחמה אין שפאניען אזוי שנעל נישט ליקווידירט ווערען, און פונקט אזוי ווי בעת א מלחמה גיבען די גענעראל שטאבען ארויס בעריכטען פון די מלחמה אפעראציעס, אזוי אויך דא ווערען אבגעגעבען טאגטעגליכע בעריכטען פון די שלאכט-פעלדער. און אינטערעסאנט איז צו לעזען די ידיעות, וועלכע קומען פון דארט, פון וועלכע יעדע איינע שטעלט אנדערש פאר די לאגע. די צייטונגען, וואס זענען נאהנט צו דער דארטיגער רעגירונג, בעווייזען מיט אותות ומופתים, אז דאס רעגירונגס-מיליטער געהט פון נצחון צו נצחון און אז א ליעדע טאג וועלען די אויפשטענדער ליקווידירט ווערען. נעמט מען ווידער א צווייטע צייטונג, וואס איז נוטה צום פאשיזם, שרייבט זי פונקט פערקעהרט, אז די אויפשטענדער ווערען פון טאג צו טאג שטארקער און אז אט-אט שטורמען זיי די טויערען פון מאדריד.

מילא, אויך דאס איז פערשטענדליך. הלמאי בעת דער מלחמה-צייט האבען מיר אויך געלעזען דאס זעלבע, ווייל דאס איז נאטירליך. יעדער גענעראל-שטאב גיט אזעלכע בעריכטען, ווי ס'לוינט פאר איהם. געדענקען מיר דאך דעם בעריהמטען „אויף מערב קיין נייעס", אז זאגאר דאמאלס, ווען די דייטשע ארמעע איז צובראכען געווארען, האבען זיי אלץ געשריבען וועגען נצחונות אדער אין בעסטען פאל, אז „אויפ'ן מערב פראנט איז נישטא קיין נייעס". דאס וואס וואונדערט יא, איז דאס, וואס אפילו אונזערע צייטונגען, וועלכע געהען ארויס אין פוילען, זענען זיך אויך סותר, אויך דא ווענדעט זיך, וואס פאר א צייטונג מען לעזט. נעמט מען אין דער האנד אריין א רעכטע צייטונג, ווי למשל, א „דזיענניק-נאראדאווי" און זייערס גלייכען זיעגען די שפאנישע פאשיסטען; נעמט ווידער א לינקע אדער א דעמאקראטישע צייטונג לעזט מען די גרויסע קעפ, וואס מעלדען וועגען געוואלדיגע נצחונות פון פראלעטאריאט.

פרעגט איהר זיך דאך אוודאי: ווי איז דאס מעגליך? ממה נפשך, און איבעריגנס, ס'וועט זיך דאך ארויסווייזען דער אמת. איז דער תירוץ: ראשית, איז א חיי שעה אויך גוט; זאלען די לעזער, וועלכע ווילען זעהן דעם נצחון פון די אויפשטענדער, דערווייל א הנאה האבען. והשנית, ווענדעט זיך וואס פאר א ברילען מען טהוט אן, די ענדעקעס און פאשיסטען מכל המינים קוקען דורך די פאשיסטישע ברילען, זעהען זיי פאשיסטישע נצחונות; די לינקע ווידער קוקען דורך לינקע ברילען, זעהען זיי נצחונות פון דער דעמאקראטיע.

און נישט בלויז אין דעם פאל, נאר שטענדיג און אומעטום זעהט מען נאר אלעס, לויט וואס פאר א ברילען מען טהוט אן...

אדורכגעפאלען...

אין אלטען מארק האט פאסירט פאלגענדע געשיכטע:

א פורמאן האט געוואלט מיט זיין פיהר אדורך דעם קאנאל, וועלכער איז דארט לעצטענס אויסגעגראבען געווארען א דאנק די אינוועסטיציעס, וואס ווערען דארט געמאכט. איז אבער אין דער פוהר געווען איינגעשפאנט א קליין פערדיל א קוציקעל. האבען די דערביי שטעהענדע מענשען אויסגעדריקט זייער צווייפעל, צי ס'וועט געלונגען דעם קליינעם פערדיל אדורך בשלום אויף יענער זייט קאנאל. אנדערע ווידער זענען געווען זיכער, אז דאס פערדיל, כאטש ס'איז קליין און שמאל, וועט אבער פארט צוליעב דער גרויסער אמביציע, וואס עס פערמאגט, אריבער דעם קאנאל. האט זיך געמאכט א צוזאמענגעלויף און יעדער איז געווען נייגעריג צו זעהען דעם סוף. הקיצור, דאס פערדיל האט אנגעשטרענגט אלע כחות און איז דעם קאנאל נישט אריבער, נאר טאקי אריינגעפאלען.

ס'זענען זיך צוזאמענגעלאפען הונדערטער מענשען, וועלכע האבען געוואלט ארויסראטעווען דאס קליינע פערדיל פון קאנאל, נאר ס'איז נישט געגאנגען, מחמת דער קאנאל איז געווען טיעף און דאס פערדיל זעהר קליין. ענדליך, נאך לאנגע אנשטרענגונגען, איז פארט געלונגען דאס פערדיל ארויסצוציהען ביים עק און צו ראטעווען א פערדישע נשמה...

פערהאנען קאנדידאטען-ליסטעס, וועלכע זענען קליין און שמאל, וואס פערמעסטען זיך איצט אדורכצושפרינגען דורכ'ן „קאנאל" אין דער קהלה אריין און ווער ווייסט, צי זיי וועלען נישט האבען נעביך דעמזעלבען סוף, וואס דאס קליינע פערדיל האט געהאט בעת'ן וועלען אדורכשפרינגען דעם קאנאל אין אלטען מארק...

דער אונטערשיד איז, וואס דאס פערדיל, וועלכעס איז אין אלטען מארק אריינגעפאלען, האט מען געקאנט ארויסציהען, דאגעגען צו די קאנדידאטען, וועלכע וועלען בעת די וואהלען אדורכפאלען וועט שוין קיין רעטונג נישט זיין...

אויף דער בעשולדיגונגס - באנק.

דער יודישער וועלט-קאנגרעס, וועלכער קומט איצט פאר אין זשענעווע, איז פערוואנדעלט געווארען אין א געריכט, וואו ס'ווערען אנגעקלאגט די אלע פעלקער, וועלכע פייניגען דאס יודישע פאלק. אזוי זענען, למשל, ארויסגעטרעטען מיט בעשולדיגונגס-רעדעס א רייהע פראמינענטע יודישע פארשטעהער געגען היטלער-דייטשלאנד, געגען דער ענגלישער מלוכה און אויך געגען די מלוכות, וועלכע טאלערירען די אנטיסעמיטישע פאליטיק לגבי דעם יודישען פאלק.

טרויעריג איז, ווען א פאלק דארף האלטען אין איין בעשולדיגען. שוין טויזענדער יאהרען, ווי מיר האלטען זיך אין איין בעקלאגען, אז מען טהוט אונז עוולות. ווען צו אלע גוטע יאהר, וועלען מיר שוין אריין אין דער ראלע פון די, וועלכע מען קלאגט אן? פאר וואס זאלען מיר שטענדיג שטעהן ביים אנקלאגער-טיש?

ס'ווערט דערעסען כסדר צו זיין די אנקלאגער; דאס פנים ווערט פערקרומט און אין משך פון דורות בעקומט עס די צורה פון א נעבעכדיגען בעשעפעניש.

אויפ'ן יודישען וועלט-קאנגרעס אין זשענעווע הערט זיך דאס געשריי פון דורות, די מארטירעלאגיע פון אנ'אלט פאלק, וואס איז געווארען דער שעיר לעזאזל פאר די וועלט-הטאים.

הלואי זאל דער יודישער וועלט-קאנגרעס זיין דער אנהויב פון א נייער עפאכע, ווען מיר זאלען שוין נישט דארפען מעהר אוועקצוזעצען פעלקער אויף דער בעשולדיגונגס-באנק...

סמאל.

קלאַנגען און אָבקלאַנגען

די לאַמפּען לעשען זיך ווידער אויס

פון לעאָ קעניג

ערב דער „לעצטער" וועלט-מלחמה האט מיר עדוואַרד גרעי, דער דאָמאָלסדיגער ענגלישער אויסערן-מיניסטער ערקלערט: „די לאַמפּען ווערען אין אייראָפּא איצט אויסגעלאָשען". אָט די בעריהמטע פשוט'ע און מיסטישע פראַזע פונ'ם דעמאָלסדיגען ענגלישען אויסערן-מיניסטער (ווי ס'איז בעקאַנט, האט ער אין זיינע לעצטע יאהרען שטאַרק געליטען אויף די אויגען) ווערט איצט, מיט צוויי און צוואַנציג יאהר שפּעטער, ווידער אקטועל און רעאַל:

די לאַמפּען פון דער אייראָפּעאישער קולטור און ציוויליזאַציע לעשען זיך שוין ווידער.

טויט-קאַלטע גיפטיגע אָטעמס בלאָזען איצט שטאַרק אויף די געבליבענע נאָך לייכטענדע לאַמפּען.

וועלען זיי זיך באַלד אינגאַנצען אויסלעשען? ווערט ווידער שטאָק-פינסטער נאָך פינסטערער ווי בשעת דער לעצטער וועלט-מלחמה?

אָדער עס וועט נאָך געלונגען ווי עס איז די דיפּלאָמאַטען און שטאַאַטסלייט פון די לעצטע פאָר דעמאָקראַטישע לענדער מיט זייער דעת הקהל, אויפצוהאַלטען דעם וועלט-פרידען אין די צאַנקענדע שוין לאַמפּען פון אייראָפּא?

אין די לעצטע פאַר יאהר, אוננעפּעהר פון זינט עס איז אויפגעשטאַנען דער היטלער-רעזשים אין דייטשלאַנד, האט מען אַלץ אָפטער און אָפטער אָנגעהויבען רעדען, אזוי אז עס מוז קומען צו א נייער וועלט-מלחמה. איצט, אין די לעצטע פאַר חדשים, זענען דאס שוין מעהר נישט קיין השערות.

מען רעדט שוין דערפון ווי פון א זיכערקייט. די בעוואָפנונג געהט איצט אָן איבעראַל אין א פולען שוואונג. די ריזיגע ענערגיעס פון פעלקער און מלוכות זענען איצט קאָנצענטרירט אויף איין טויטען פונקט—בעוואָפנונג, קריעג.

מען וואָגט שוין אפילו צו מורמלען סודות'דיג וועגען דאַטעס. עס פאַרמירען זיך און רעפאָרמירען זיך איצט שוין די צדדים.

טויט-קאַלטע גיפטיגע אָטעמס בלאָזען שוין אויף די לאַמפּען.

די לעצטע ליכטיגע פלאַמען ציטערן שוין און צאַנקען. די לאַמפּען הויבען זיך שוין ווידער אָן צו לעשען.

אייגענטליך זענען די לאַמפּען, וואס זענען אויסגעלאָשען געוואָרען איבעראַל אין אויגוסט ניינצעהן פיערצעהן, געבליבען אויסגעלאָשען פאָר די קנאַפּע פאָר צעהנדליג יאהר פרידען, וואס מיר האבען פון דעמאָלט אָן געהאט.

די אויסגעלאָשענע לאַמפּען זענען ווידער נישט ריכטיג אָנגעצונדען געוואָרען. דער ווערסאַילער שלום האט שלעכטען לעשענדיגען אייל אין די לאַמפּען אריינגעגאָסען.

די לאַמפּען, וואס זענען אויסגעלאָשען אין ניינצעהן פערצעהן, זענען מיט דער ענדע פון דער וועלט-מלחמה ווידער נישט ליכטיג געוואָרען. זיי האבען ביז איצט נישט געלויכטען נאָר געגרויכערט טונקעל, מרה-שחורה'דיג, און דראָהענדיג מיט א נייער פינסטערניש...

דער ווערסאַילער שלום האט זיי פאַלש אָנגעצונדען. אמת, עס זענען געוועזען מינוטען, און שעה'ן (נישט מעהר!), נאָך דער לעצטער וועלט-מלחמה. ווען ס'האט זיך געדוכטען: נישט מעהר. די מענשהייט, וואס האט שוין פערזוכט דעם טעם פון א וועלט-מלחמה און האט געזעהן די מיליאָנען הרוגים און די צעהנדליגער מיליאָנען קריפּעלס, וועט שוין מעהר נישט לאָזען „אויסלעשען די לאַמפּען".

ס'איז דאָך עפּעס געוועזען די לעצטע וועלט-מלחמה, א מלחמה געגען מלחמות, צו ענדיגען מלחמות און „צו מאכען די וועלט זיכער פאַר דעמאָקראַטיעס"... ס'איז אויך אמת, אז א נייער גרויסער לאַמפּ—דער פעלקער-בונד—איז נאָך דער מלחמה אָנגעצונדען געוואָרען. אָבער אויך דער „גרויסער לאַמפּ" האט אַלץ מעהר און מעהר אָנגעהויבען טונקעל רויכערען... אנשטאט לויטערען בוימאייל האבען פריינד און שונאים פונ'ם פעלקער-בונד אָנגעהויבען גיסען אין איהם גיפטיגע טשאַדענדיגע גאַזען...

און די לאַמפּען פון פרידען, קולטור און ציוויליזאַציע האבען טונקעל גענומען רויכערען און טשאַדען.

ס'איז אויך אמת, אז אין אנדערע לענדער, וואו ס'איז ביז און בשעת דעם וועלט-קריעג געוועזען שרעקליך, פינסטער און אכזריות'דיג צו לעבען, זענען פלוצלינג אויפגעקומען גרויסע ליכטיגע פייערען פון גרויסע רעוואָלוציעס. אָבער זיי האבען נאָך מעהר פערטונקעלט די טונקעלע און טשאַדענדיגע לאַמפּען אין אייראָפּא.

אָבער דאָך האבען זיי ווי עס איז נאָך געלויכטען; אָבער דאָך ברענען זיי נאָך די לאַמפּען. מיר האבען נאָך ווי עס איז פרידען.

פרידען... אין אייניגע אייראָפּעאישע לענדער, איז עס א פרידען וואס הערשט אין א קאַזאַרמע, אין א לאַגער, וואס איז גרייט אין א ליאַדע מינוט צו אַטאַקירען א שונא...

ס'איז אמת, אז אייראָפּא איז איצט פערפּעסטעט מיט דעם עיפּוש פון א גיפטיגען שאָוויניזם. און אז אויך איצט, אין די טעג פון פרידען נוצען זיך מלוכות און רעגירונגען מיט די גיפטיגסטע גרויל-פראָפּאַגאַנדעס, געגען וועלכע עס מעגען זיך שעמען די נאַרישע און אומגעלומפּערטע גרויל-פראָפּאַגאַנדעס, וואס די צדדים האבען אָנגעפיהרט בשעת דער וועלט-מלחמה.

ס'איז א ביטערער און וועהטאָגדיגער אמת. עס האָט זיך צוגאָסען איבער אייראָפּא איצט אַ ווילדער, זאָאָלאָגישער אנטיסעמיטיזם, וועלכער בעווייזט זיך שטענדיג פאר אַ שרעקליכער סאָציאַלער קאַטאַסטראָפע. און די הויך-קולטורעלע אייראָפּא איז איצט אַזוי פערגיפטעט און צוריסען פון אומזיסטע ווילדע חשדים, קנאה און שנאה ווי זי איז אפשר נישט געוועזען בשעת דער לעצטער וועלט-מלחמה.

דאס ביסעל „ריטעראַליכקייט", וואס אפילו קריגערישע פעלקער האָבען איינע צו די אַנדערע בשעת מלחמה, פעהלט איצט די פעלקער אינ'ם איצטיגען פרידען.

און דאך ווי עס איז ברענען נאָך די לאַמפּען אין אייראָפּא און אפילו דער איצטיגער גיפטיגער פרידען ווערט אונז ליעב און טייער, ווען מיר הויבען אָן פיהלען מיט אַלע אונזערע חושים, ווי טויט-קאַלטע אָטעמס פּרובען שוין אויסצולעשען אויך די לעצטע לאַמפּען...

די לאַמפּען אין אייראָפּא הויבען זיך שוין ווידער אָן אויסצולעשען.

וועלען זיי וואָגען, אָט די, וואָס שטעהען ביי די קנויטען? וועלען זיי וואגען?

עס וועט דאך זיין אַזוי פינסטער און וויסט.

נאָכוויהענישען פון דער דירה-געלד-רעדוקציע

שווערע און לאנגע אָנשטרענגונגען האט געקאָסט דעם לאָקאַטאָרענטום ביז ס'איז איהם ענדליך געלונגען אַרויסצורייסען די רעדוקציע פון דירה-געלד.

נישט געקוקט דערויף, וואס די אַרויסגעפּרעסטע רעדוקציע איז אַ בעשיידענע, לויט די איצטיגע עקאָנאָמישע פערהעלטנישען זאָגאַר אַ נישטיגע און זי פערפליכטעט שוין באַלד 3 חדשים, קאנען טייל ווירטסלייט נאָך אַלץ נישט פערגינען זייערע לאָקאַטאָרען אפילו אָט די דערמאהנטע מיגימאַלע הנחה.

מיט כל'ערליי מיטלען פּרובען זיי צו ווירקען אויף די לאָקאַטאָרען, אַז זיי זאָלען צייטווייליג רעזיגנירען פון דער בערעכטיגטער רעדוקציע און אַז די אַלע אָנגעוואָנדענע בעאיינפלוסונגען ברענגען נישט די געהעריגע פעולה, כאַפּען זיי זיך צו פאָלגענדער המצאה:

זיי פערפיהרען פלוצלונג פּראָצעסען וועגען פעסטשטעלען דאָס גרונד דירה-געלד און דערביי פערלאַנגען זיי בכיוון אַנ'איבערגעטריבענע סומע, ווייסענדיג, אַז די געריכטען ערלעדיגען אַזעלכע ענינים אויף אַ קאָמפּראָמיסליכען אופן ממילא ווערט זיך זיי שוין מסתמא עפּיס צוקלעבען צום איצטיגען דירה-געלד.

אַזעלכע פּראָצעסען וועגען פעסטשטעלען דאָס גרונד דירה-געלד נעמען לעצטענס אָן ממש א מאַסען-כאַראַקטער.

די דאָזיגע טאַקטיק פון די ווירטסלייט דאַרף אויפ'ן שטאַרקסטען אופן געטאַדעלט ווערען.

ס'איז דאָך באמת אַנ'אונפערצייליכע עולה, ווען מ'נעהמט מענשען, וועלכע באָדען זיך גענוג אין אנגסטען ביז זיי בעצאַהלען דאס איצטיגע דירה-געלד און מ'פיהרט זיי אריין אין פּראָצעסען, אין צייט און געלד-פערלוסטען, רעכענענדיג ביי איין געלעגענהייט נאך אפשר אַ מאָל אַנ'הוספה'לע ארויסצוציהען און דאס בלויז דערפאר, ווייל זיי האבען די העזה צו פערלאנגען די געזעצליך אנערקענטע הנחה.

אַ גרויסע צאהל האַנדעלס-אונטערנעהמער האט דער פינאַנץ-אַמט געגעבען אנשטאט אַ 3., אַ 4. קאַטעגאָריע פּאַטענט.

קיינער וועט דאָך, דאַכט זיך, נישט מיינען, אַז דער פינאַנץ-אַמט איז פּלוצלונג געוואָרען אַזוי ברייט-הערציג און מזכה געוועזען מיט דער דאָזיגער הנחה יעדען קרעמער, וועלכער איז איהם נאָר געקומען אונטער דער האנד.

מסתמא האט ער נוס בודק געוועזען און דורכגעזיפּט די רעפלעקטאנטען אויף אַזאַ הנחה און אויב ער האט ענדליך אנערקענט עמיצען פאר בערעכטיגט פון איהם דאָך צו געניסען, איז ער זיכער א געקוועלטער, אַ האַלב רואינירטער.

אַלזאָ אפילו דער שטרענגער פינאַנץ-אַמט האט געמוזט לגבי א געוויסע גרופּע האַנדעלס-אונטערנעהמער אַרויסווייזען פערשטענדניש און זייערע אונטערנעהמונגען קוואַליפיצירען צו אַ נידריגערער פּאַטענט-קאַטעגאָריע.

זענען אָבער פערהאַן פיל ווירטסלייט, וועלכע ווילען בשום אופן די דערמאהנטע הנחה נישט אנערקענען און פאָדערען ווייטער פון זייערע 4 קאַטעגאָריעדיגע האַנדעלס-לאָקאַטאָרען דאס פולע דירה-געלד, פעררופענדיג זיך אויף עפּיס אַנ'אורטייל פון אַ פּראָווינצער געריכט, אַז אַ הנחה'דיגע 4 קאַטעגאָריע דאַרף אנערקענט ווערען פאר אַ 3 פּאַטענט-קאַטעגאָריע און ממילא קומט נישט די 10-פּראָצענטיגע רעדוקציע.

מיר האַלטען, אַז דאס איז נישט מעהר, ווי א פשט'ל. די נאָוועלע פון 14 נאָוועמבער 1935 זעהט נישט פאָר אַזאַ בעשטימונג און גיט אויך נישט קיין גרונד פאַר אַזאַ דרייסטען אויסטויש.

אויב ס'גייט וועגען דער ציטירטער נאָוועלע. און זי דאַרף דאָך זיין אין דעם פאַל איינציג מאָסגעבענד, זאָגט זי דאָך בפירוש, אַז ביי דער פראַגע וועגען רעדוקציע פון דירה-געלד עווענטועל וועגען אויסשלוס פון לאָקאַטאָרענשוץ בנוגע געשעפטס-לאָקאַלען רעדוצירט די פּאַטענט-קאַטעגאָריע אין יאהר 1935.

קלאָר: ווער ס'האט געהאט א 4 קאַטעגאָריע אין יאהר 1935, דאַרף זיין בערעכטיגט אויף א 10-פּראָצענטיגע רעדוקציע פון דירה-געלד.

ס'איז נישט פערהאַן קיין שום יורידישער, לאָגישער און נאָך ווייניגער ווירטשאַפטליכער גרונד אויסצושליסען די הנחה'דיגע קאַטעגאָריע אונטערנעהמונגען פון דאָזיגען כלל.

א פּסק-דין פון א שטעדטיש אָדער אפילו פון א קרייז-געריכט קאָן נישט ענדערן די לאַגע, ביז ס'וועט נישט ערשיינען אַנ'אויטאָראַטיווען אויספּייטש פון העכסטען געריכט, וואס וועט ענדערען די פערהעלטנישען, מוז די דערמאָנטע בעשטימונג אינטערפּרעטירט ווערען לטובת די לאָקאַטאָרען. י. א.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

מי ומי ההולכים...

היינט פרייטאג וועט ענדליך בעוואוסט ווערען ווער עס זענען די מחותנים, וועלכע נעמען אנטייל אין דער וואָהל חתונה.

נאָך ביז צו דער לעצטער מינוט האט מען געהאלטען זיך אין בלאָקירען, כמעט יעדער האט זיין ליסטע געהאט פערטיג, למראית עין האט יעדער אָבער געשוואָלט בפּוויזען, אז זיין גרופּע, זיין פּאַרטיי, איז אויסען נאָר שלום, האט מען גערופען פערשידענע גרופּירונגען, זיך צוזאַמענגעזעצט מיט זיי ביים טיש און גערעדט וועגען געמיינזאמע ליסטעס. אַלע, וואס זענען געזעסען ביים טיש, זענען געוועזען איבערצייגט, אז דאס איז נישט מעהר ווי א מאַנעוור, אז דאָ איז מען נאָר אויסען איינער דעם אַנדערען אָבצונאַרען, פונדעסטוועגען האט דאס קיינער נישט געבערענגט איבער'ן מויל; אדרבה, יעדער האט געמאַכט אַנ'ערנסטע מינע, פּינגלאַצט פרום די אויגען און בעת מען האט איהם נעפרעגט זיין מיינונג האט ער אויסגעשריגען: אודאי, אודאי דאַרף מען געהן צוזאַמען, אוודאי דאַרף מען מאַכען איין ליסטע. ווי-נאָר אָבער יעדער איז נאָך דער זיצונג געקומען אין גאַס אריין, האט ער געמאַכט דאס גרעסטע געלעכטער, הע, האט ער זיך בערייהמט פאַר זיינע הברים, יענע מיינען אז איך בין א פּרייער, אז זיי וועלען מיך אריינגענאַרען, דערווייל האָב איך זיי אָבגענאַרט. אזוי האט יעדער בעזונדער גע'סטנה'ט און יעדער האט אַלץ געמיינט, אז ער איז דער חכם און די איבריגע זענען נאַראָנים...

אזוי האבען ביז דער לעצטער מינוט, די ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס געהאַלטען זיך אין איין בעראַטען און קאָמביגירען זיך צו בלאָקירען. דאס זעלבע אויך די פערשידענע גרופּען, סיי פּאָליטישע סיי אַנדערע וואָהל-כאַפּער, ביז ענדליך ס'האט אויסגעשלאָגען די לעצטע שעה, ווען מען דאַרף אריינגעבען די קאנדידאַטען-ליסטעס און צו די אַלע מאַכערייקעס האט געמוזט נעמען א סוף.

פאַר מיין „וואס געהערט און געזעהן" איז א גרויסער חסרון וואס דער לעצטער טערמין פון אריינגעבען די קאנדידאַטען ליסטעס פאלט אויס פונקט פרייטאג, אזוי אז איך קאָן אייך נישט געבען איבערגעבען, ווער די ליסטעס זענען און איהר וועט זיך דאס ערשט דערוויסען זונטאג פון דער אָרטיגער כראָניק. איין זאך קאָן איך אייך אָבער שוין מבטיח זיין, אז די צאָהל פון די ליסטעס איז אָהן עין-הרע זעהר א גרויסע און ווער ס'וועט וועלען געהן וועהלען, וועט זיך איהם מאַכען א מישונג אין קאָפּ, נישט וויסענדיג וועמען צו קלויבען אין דער קהלה קדושה.

יעדענפאַלס, היינט פרייטאג פּלאַצען אַלע זייפען בלאָזען וועגען פערשידענע פּעראייניגונגען און בלאָקען און מען וועט ענדליך דערזעהן דעם נאַקעטען אמת: ווער און וואס.

עס האט זיך פערענדיגט דער ערשטער סטאַדיום און עס הויבט זיך אָן דער צווייטער און וויכטיגער סטאַדיום פון די וואַהלען.

היינט ווערט קלאָר מי ומי ההולכים...

מזל-טוב, טשענסטאכאווער חזן...

העכער א יאהר צייט זינט דער חזן יוסף באַדאַש איז אַוועק קיין אפריקא און טשענסטאכאוו איז געבליבען אָהן א חזן. היות אָבער ווי א שטאָדט-שוהל און אַזא כרך ווי טשענסטאכאוו קאָן נישט זיין אָהן א חזן, האבען די מתפללים אָנגעהויבען שטורמען די קהלה-טויערען לאמור—אזוי צו זאָגען: גיט אונז א חזן, האט מען לאַנ-בירה אויסגעשריבען א קאָנקורס אויף חזנים.

העכער א יאהר צייט האָבען חזנים פון אַרבע פנות פוילען פּרובירט אין דער שטאָדט שוהל, און ווי געוועהנליך האט דאס געגעבען א מעגליכקייט פאַר'ן ברייטען עולם צו האבען עפּעס צו טהון, צו ווערען אַנהענגער פון איין חזן און געגנער פון א צווייטען, אזוי אז עס האבען זיך געשאַפען צדדים. דאַן האבען פּאַסירט פאַלען, ווען א חזן האט ס'ערשטע מאָל אויסגענומען און אָט אָט ווערט ער אַנגאַזשירט, ווייל ער האט בעקומען א סך אַנהענגער, שפּעטער אָבער ווערט ער דאס צווייטע מאָל איינגעלאַדען צו מאַכען פּרובע און ער פערלירט שוין 80 פּראָצענט אַנהענגער צוליב וואס זיין קאַנדידאַטור איז אָבגעפאַלען.

אזוי איז געוועזען כמעט מיט אַלע חזנים, זאָגאָר די חזנים, וועלכע זענען געוועזען ערנסטע קאנדידאַטען, האבען בעת די לעצטע פּרובען געהאט א דורכפאַל און ס'האט געהאלטען דערביי, אז פון די אַלע חזנים, וועלכע האבען פּרובירט אין משך פון א יאהר-צייט אין דער היגער שטאָדט שוהל, זאָל קיין איינער נישט אַנגאַזשירט ווערען און אויף די ימים-נוראים זאָל מען דאַרפען דינגען א בעל תפלה אָדער א חזן במקה השוה. ענדליך האט די לעצטע מינוט דער שוהל-עולם זיך מיישב געווען און געמאַכט א סוף מיט דער חזנים-פּראַגע; זיי האבען בעשלאָסען צו אַנגאַזשירען דעם וולאָטשלאַווער חזן ר' אלתר אלימלך כאַלעוואַ, וועלכער פערמאָגט א וואונדערבאַרע שטימע, איז מוזיקאַליש אויסגעבילדעט און דערצו א יוד א בן-תורה.

פערהאַנען אפילו ביי אונז אַזעלכע, וועלכע האלטען אז מען דאַרף אינגאנצען נישט קיין חזן, טענה'דיג, אז דאס איז אַנ'איבריגע זאַך. וואס, איהר ווילט וויסען ווער ס'דערלויבט זיך אויף אַזא שטות? איך בין אייך נישט מחויב דאס צו זאגען, ווייל ער אליין, דער אותו האיש איז קאַנדידאַט אויף קהלה-דאַזאָר און ער חלש'ט זאָגאָר אויף נאָך א העכער בענקיל... אָט ער אליין טרעט ארויס אין זיינע וואַהל-דרשות מיט אַזעלכע „חכמות" און קריטיקירט די קהלה-לייטונג, הלמאי מען אַנגאַזשירט א שטאָדט חזן. נאָר ווער הערט איהם דאָרט?! די שטאָדט שוהל יודען ווילען און מוזען האבען א חזן און אלס אַזעלכען האט מען טאַקי אַנגאַזשירט דעם וולאָטשלאַווער חזן, צוזאַמען מיט דער גאַנצער שטאָדט יודען און בעזונדערס מיט די שוהל-מתפללים, זאָג איך צו ר' אלתר אלימלך כאַלעוואַ פון וולאָטשלאַוואַ: מזל-טוב, טשענסטאכאווער חזן!

פּשיטיקער יודען...

אונזערע יודען, זאָלען אונז געזונד זיין, זענען זעהר פעהיגע חברה לייט; זיי נוצען אויס יעדע געלעגענהייט, כדי צו כאַפּען אַ שטיקעל פּרנסה.

לעצטענס איז אין יודישען וועלטיל (און נישט בלויז אין דער יודישער וועלט) מפורסם געוואָרען דאס שטעדטיל פּשיטיק צוליעב די דאָרטיגע געשעהענישען, ווי אויך צוליב דעם היסטאָרישען פּראָצעס, וואס איז דערנאָך פאָרגעקומען אין ראַדאָם. נעמען יחידים, וועלכע לעכצען נאָך אַ שטיקעל ברויט, און נוצען אויס דעם נאָמען פּשיטיק, כדי צו דערוועקען רחמנות ביי יודען.

געהען אַרום איבער די הייזער יודען און יודענעס אָנגעטהון אין צוריסענע מלבושים, מאכען א רחמנות-פּנים און דערצעהלען, אַז זיי זענען פּשיטיקער און זענען געפאַלען קרבנות פון די לעצטע געשעהענישען, לכן זאָל מען זיך אויף זיי דערבארימען און זיי אַרויסהעלפען מיט א לחם לאכול און דער עיקר מיט א בגד ללבוש. אונזערע יודען, רחמנים בני רחמנים, דערהערענדיג דאס וואָרט פּשיטיק, ווערט זייער האַרץ איבערגענומען מיט צער און זיי גיבען טאַקי אוועק דאס לעצטע מלבוש

זייט אָבער וויסען, אַז די פּשיטיקער יודען זענען שטאָלצע מענשען און די, וועלכע גיבען זיך אָן אַלס פּשיטיקער זענען קיינמאָל אין פּשיטיק נישט געוועזן. זיי נוצען נאָר אויס דאס שטעדטיל, וואס דאַרף ביי אונז דערוועקען צו זיך אַכטונג און דרך-ארץ און אָט די שווינדלער מאַכען עס צו שאַנד און צו שפּאָט, אויסנוצענדיג עס פאַר זייערע פערזענליכע צוועקען.

מען דאַרף דעריבער זיין פאָרזיכטיג מיט די כלומרשטע פּשיטיקער יודען...

ער האָט נישט מפסיק געווען...

ס'טרעפט אָפטמאָל, אַז עמיצער זוכט א דירה און קאָן בשום אופן נישט געפונען, ווענדעט ער אָן אַלע מעגליכקייטען, כשר'ע צי נישט אינגאַנצען כשר'ע, אַבי זיך צו פערזאָרגען מיט אַ דאָך איבער'ן קאָפּ, וואס איז דאס נויטיגסטע ביי מענשליכע ברואים.

גאַנצע שפּאַלטען זענען שוין אָנגעשריבען געוואָרען וועגען דעם איבעריגען קאַמף פון מענשען, כדי צו עראָבערען אַ שטיקעל מקום-מנוחה פאַר זיך. ווען מענשען וואָלטען געקאָנט, פונקט אזוי ווי די חיות, וואוינען אין פרייען וואַלד, וואָלטען א סך שווערע פּראָבלעמען געלעזט געוואָרען...

נאָר נישט פילאָזאָפישע בעטראַכטונגען בין איך איצט אויסען צו בעריה-

אראבישע טיפען

פון פישל קארנאווסקי

איך זיץ אין רחובות ביי אדון מי-לער איינער פון די רעדאקטארען פון „בוסתנאי" א אויסערגעוועהנליך סימ-פאטישער מענש פון עטליכע און זעכ-ציג יאהר, שטארק גרוי, א גרויסער ספעציאליסט אין חקלאות און אין באָ-דען. ער קריגט פון דער גאנצער וועלט פון פריוואטע יודען צוגעשיקט געלד אויף איינצוקויפען באָדען פאר זיי דאָרט וואו ער מילער, וועט געפינען פאר נויטיג. מילער איז דער מאגנאט פון דער געגענד חן-יונס וואו ער האט שוין אויסגעלייזט טויזענדער דונאם פאר יודען, וועלכע ער קען אפשר נישט און זיי קענען איהם נישט, גיט אָב אויף דעם א סך צייט אָהן דעם קלענסטען פראָפיט פאר זיך. איך קוק מיט נחת אויף זיין גרויען קאָפ און אין זיינע גוטמוטינע נאאיווע קינדער אויגען און הער זיך צו צו זיינע רייד וואס זענען ווי אנגענעמע קלאנגען פון א קינדערשטים.

ווילט איהר וויסען, וואס אראבער זענען, טאָ הערט וועל איך אייך דער-צעהלען א מעשה, וואס עס האט זיך אנגעהויבען און געענדיגט אין 4 טעג און אין 5 אקטען.

ערשטער אקט—זונטאג

5 פריה, אלע שלאפען נאָך, קלאפט מען אין טהיר, איך געה ארויס אין די וועש עפענען די טהיר שטעהט א שייך פון א שכנות'דיגען דאָרף, איך פיהר איהם אריין אין גאבינעט.

– כייף חאלאק? ווי געהט דיר? פרעגט ער.

– המדול איל אללה, געלויבט איז גאָט, ענטפער איך, דו וועסט מיר ענטשולדיגען, וועל איך אויפקאָכען קאפע. און איך געה ארויס אין קיך.

דער דאָפס אראבער געהט שלאפען, אז עס ווערט דונקעל און שטעהט אויף, אז עס ווערט ליכטיג קיין זייגער ברוי-כען זיי נישט, די זון איז זייער זייגער און זיי קענען נישט פערשטעהן פאר-וואס מענשען מאכען אנדערש, מען שלאפט, אז די זון שיינט און מען זיצט און ווילט זיך ביי לאמפען, דאן ווען אומגעקעהרט איז געזונטער.

אין 10 מינוטען האב איך איהם בעדינט מיט קאווע.

– ווילסט פוטער? – פרעג איך.– ניין!–זאגט ער–איך וויל סמעטענע.

איך וועק אויף מיין זוהן ער ברענגט סמעטענע, קעז, ברויט און מען שטעלט עס אויפ'ן טיש און מיין גאסט עסט. אין 10 מינוט ארום פרעגט ער–כייף חאלאק? – ענטפער איך–המדול-איללה, (דאס איז אבגעקירצט פון איל-אללה). פי סיגאריא? איז דא א פאפיראס?

איך גיב פאפיראסען.

– פי קיבריט? איז דא א שוועבעלע?

איך ברענג שוועבעלעך. ער קוקט אריין אין שאכטעל און זאגט, אז עס איז נישט פול. (די שוועבעלעך, וועט ער מיטנעמען, לוינט איהם נישט צו-נעמען א האלב שאכטעל) און איך ברענג א גאנץ שאכטעל,–כייף חאלאק? –פרעגט ער, – חמדול איללה–ענטפער איך.

דער זייגער ווערט שוין אכט.

– הער–זאגט ער,–איך וויל דיר פערקויפען 20 דונאם ערד צום פרייז 15 פונט פאר א דונאם, קיין געלד ברויך איך נישט. איך האב מיך צו-ווערטעלט מיט מיין זוהן וויל איך דערפאר פערקויפען. קויפסטו?–הער,–זאג איך,–די 20 דונאם קויף איך, מיט דעם פרייז האנדעל איך נישט, מיר זענען דאך שכנים, און קיין געלד דארפסטו נישט איז גוט, דו וועסט פארברייטען אלע אקטען אין טבו (היי-פאטעק) דארטען וועפט דו מיר אונ-טערשרייבען דעם קושאן און איך וועל דיר בעצאהלען דאס געלד, מאסבוט? אין ארדנונג?

– טאיב (גוט) ענטפערט ער.–סאידה-נעזעגענט ער זיך מיט „מא סאלאמי" (בשלום) בעגלייט איך איהם און בין זיינע פטור.

2 אקט—מאנטאג

מאנטאג 5 א זייגער הער איך מען קלאפט ביי מיר אין טהיר געה איך ארויס עפענען, דער שייך איז דא ער בעגריסט מיך אויפ'ן אראבישען אָרט: ער לעגט צו זיין האנד צום קאפ (אלס סימן אז ער שעצט מיך אויף דאס העכסטע) נאכדעם לעגט ער צו די האנד צום הארצען (אלס א סימן, אז זיינע געפיהלען צו מיר זענען הער-צליך) ער פרעגט מיך כייף חלק, איך ענטפער „חמדול איללה" און איך פער-בעט איהם אין גאבינעט, און דא ווי-דערהאלט זיך די גאנצע פראצעדור פון נעכטען מיט קאווע, סמעטענע, ברויט און קעז מיט פאפאראסען און א גאנץ שאכטעל זאפאלקעס מיט א צעהנדליג מאל: „כייף חלק" מיט א צעהנדליג תשובות: חמדול איללה" און איך פרעג איהם פון העפליכקייט א צעהנדליג מאל „כייף חלק" און איך קריג א צעהנדליג מאל די תשו-בות: „חמדול-איללה" און דאס דוי-ערט א פאר שעה און נאכדעם ענ-טוויקעלט זיך צווישען אונז פאלגענ-דער דיאלאג:

ער: קענסט מיר אפשר געבען א קאנטא פון די פערקויפטע 20 דונאם א 100 פונט?

איך:–ליידער איך האב קיין געלד.

– אפשר 75 פונט?

– ליידער איך האב קיין געלד.

– אפשר 50 פונט?

– ליידער איך האב קיין געלד.

– אפשר 25 פונט?

– איך האב דאך געזאגט, אז איך האב נישט.

– א גרויסער שאד, איך דארף פאה-רען נאך יפו און איך האב ביי זיך קיין געלד נאך יפו?

– א פונט.

– איין פונט? איך וועל פרעגען מיין ווייב, איך געה ארויס און ברענג איהם א פונט.

– קאטאר חירק, חוואדזא (גאט זאל שטארקען דיין גוטקייט, אינטעליגענטער מענש) און מיט די געוועהנליכע ברכות און מיט מיין „מא סאלאמי" בעגלייט איך איהם ביז צו דער טהיר.

3-ער אקט — דינסטאג.

5 א זייגער פריה מען קלאפט אין טהיר איך עפען, מיין שייך איז דא, איך פערבעט איהם אין צימער, און עס ווידערהאלט זיך די גאנצע פראצעדור פון זונטאג און מאנטאג וואס דויערט ביז 8 א זייגער. נאכדעם ענטשפאנט זיך דער פאלגענדער דיאלאג צווישען אונז.

ער: דו ווילסט באמת קויפען ביי מיר די 20 דונאם?

– איך: דו קענסט דאך מיך, אז איך זאג איך קויף איז געקויפט.

– ניין, איך זעה, אז דו ווילסט נישט קויפען.

– נו, איז וואס?

– ערלויב מיר צו פערקויפען אנ'אנ-דערען די 20 דונאם.

– אויב דו ווילסט, פערקויף אנ'אנ-דערען.

דער שייך ריהרט זיך נישט פון אָרט א גאנצע שעה, ער פרעגט מיך א פאר מאל „כייף חלק" און איך ענטפער איהם אלע מאל „חמדול-איללה". צום שלוס זאג איך איהם, – הער, היינט קען איך דיר געבען דאס גאנצע געלד, מיט א בעדינג געה אריבער צום רע-יענט, דארט טרעפסטו מיין מענשען מאיר, בעשטעל ביים רעיענט אנ'אב-רופליכע פלעניפאטענץ אויף מיין נא-מען צו פערקויפען די 20 דונאם, און מאיר וועט דיר אויסצאהלען דאס גאנ-צע געלד.

– טאיב, חוואדזא, ענטפערט ער און מיט „מא סלמי" בעגלייט איך איהם צו דער טהיר.

4-ער אקט ביים רעיענט — 3 שעה שפעטער.

די אונווידעררופליכע פלעניפאטענץ איז פערטיג און מיין מענש מאיר, צאהלט איהם אויס די 300 פונט. דער שייך לעגט זיך פונאנדער מיט דער גאנצער ברייטקייט ביים טיש, 2 זייטען טיש פערדעקט ער מיט זיין ברייטע „אבאיע" אין וועלכע ער איז איינגע-הילט (אבאיע – איז אויף אראביש „איינגעוויקעלט" און דאס איז דער נאציאנאל-טראכט פון די עפענדיס פרי-צים) ער צעהלט לאנגזאם און מיט גרויס התמדה דאס געלד, און הויבט אָן א סקאנדאל, דאס געלד שטימט נישט, מאיר צעהלט איבער אין זיין געגענווארט 299 פונט און ערקלערט איהם, אז א פונט האט ער אבגערע-כענט דעם גמילת חסד, וואס ער האט נעכטען גענבארגט ביי מילער'ן. דער שייך ענטשולדיגט זיך און בעט מען זאל זעהר בעדאנקען מילערען פאר די גרויסע טובה וואס חאוואדזשא מילער האט איהם דעם שייך געטהון אין זיין גרויסער נויט, ווען ער איז געוועזען אין אזא פערלעגענהייט און וועט חא-וואדזשא מילער קיינמאל די טובה נישט פערגעסען. דער שייך אונטערשרייבט די פלעניפאטענץ, געזעגענט זיך און געהט אוועק. א קורצע צייט נאכדעם געהט ארויס מאיר פון רעיענט, געהט צו איהם צו דער שייך און זאגט: „דאס געלד שטימט נישט". מען צעהלט אי-בער, עס איז פערהאן 299 פונט. מאיר ערקלערט איהם, אז א פונט האט ער אבגערעכענט פאר דעם גמילות חסד וואס דער שייך האט נעכטען גענומען ביי מילער'ן. דער שייך מאכט סקאנ-דאלען, אז ער האט אונטערגעשריבען, אז ער האט געקריגען 300 פונט, דארף מען איהם געבען 300 פונט און נישט וויינגער, און מען דארף איהם נישט נארען. דערווייל איז א געלויף פון מענשען. מאיר פרעגט איהם, אלזא וויפיל פעהלט, א פונט? נעמט ארויס א פונט און דערלייגט איהם.

– מאבסוט? (צופרידען?) – מאבסוט, חאוואדזשא, ענטפערט ער, און דער עולם געהט זיך פונאנדער.

5-ער אקט — מיטוואָך.

פינף א זייגער פריה, מען קלאפט אין טהיר, איך עפען מיין שייך איז דא. נאכ'ן בעגריסען פיהר איך איהם אריין אין גאבינעט און עס חזר'ט זיך איבער די פראצעדור פון די ערשטע דריי טעג, וועלכע דויערט דריי שעה. נאכדעם הויבט זיך אָן פאלגענדער דיאלאג:

ער: דו ווייסט, חאוואדזשא, איך האב דיר שוין בעצאהלט דעם פונט, דעם גמילת חסד.

איך: אז דו האסט בעצאהלט איז בעצאהלט.

– אבער מאיר האט דיר נישט דער-צעהלט, אז איך האב איהם נעכטען ביים רעיענט בעצאהלט דעם פונט?

מאיר איז ביי מיר נישט געוועזען.

– זאלסט וויסען, אז מאיר איז א גנב, ער האט געדארפט גלייך קומען צו דיר און דערצעהלען, אז איך האב שוין בעצאהלט דעם פונט.

– וואס דארפסטו זיך אויפרעגען, אז דו זאגסט בעצאהלט, איז בעצאהלט.

– אלזא געדענק, אז עס איז בע-צאהלט.

– גוט, איך געדענק.

– סאידא, חאוואדזשא און מיט „מא סאלאים" בעגלייט איך איהם צו דער טהיר.

דאס איז איינער פון די אראבישע טיפען, אבנארען א פונט איז א קרן און דערפאר האט ער געמאכט דאס גאנצע געשעפט, אנגעווענדעט אזוי פיעל דיפלאמאטיע און פערלוירען אזוי פיעל צייט. דער טיפ אראבער זענען ווי שלעכט ערצויגענע קינדער, וועלכע געהען נאר קרום, א ליגען זאגען, אב-טהון א שפיצעל, עפיס גנבענען, נאר נישט געהן מיט'ן גלייכען וועג. עס זענען דא אנדערע טיפען אויך, זעהר עהרליכע, פאטריארכאלע, נאר דער גע-שילדערטער טיפ, אין פערשידענע פאר-מען זענען אממייסטען.

רען, איך וויל אייך גאר פשוט דער-צעהלען א קוריאז, וואס איז די וואך געשעהן צוליעב א דירה-פראגע:

די פאמיליע ה. זוכט שוין לאנג א דירה און קאן אלץ נישט געפונען אזעלכע, וואס זאל זיין צוגעפאסט פאר זייער געברויך. האבען זיי ענדליך נאך לאנגע בעמיהונגען געפאקט א דירה אויף פילסודסקי 5, בעצאהלט פאר א יאהר דירה-געלד פאראויס און זיך מיט מזל ארייננעצויגען. דאס איז געווען ארום מיטוואך. דערווייל ווייזט זיך ארויס, אז דאס אויבענדערמאנטע הויז געהער צו צוויי בעלי-בתים. אמת, מאן און פרוי, נאר זיי שפיעלען א ברוגז און עס געהט אויס צו די לאקאטארענס קעפ. בעצאהלט מען דאס דירה-געלד דעם מאן, איז ברוגז די פרוי און קלאגט איין אויף עקסמיסיע; בעצאהלט מען ווידער דאס דירה-געלד דער פרוי, איז פערקעהרט. הכלל, די דערמאנטע פאמיליע האט געהאט דאס גליק צו בעצאהלען פאר דעם יאהר דירה-געלד דעם בעל-הבית, וועלכער האט ווי גע-וועהנליך ארויסגעגעבען א קוויטעל, אז דאס דירה-געלד איז בעצאהלט. איז די בעל-הבית'טע אבער אוועק אין דער פאליציי און געמאלדען, אז פלוני בן פלוני האט זיך ארייננעריסען אין איי-נער פון די דירות פון איהר הויז אונ-געזעצליך און בעט, אז מען זאל איהם פון דאָרט ארויסווארפען.

שבת אינדערפריה, בעת אונזער לא-קאטאר, וועלכער איז א פרומער יוד, א מיטגליד פון דער „אגודה", איז זיך געזעסען אין זיין נייער דירה און גע-לערנט א בלאט גמרא, איז אנגעקומען פאליציי און ארויסגעווארפען דאס גאנ-צע ביסעל בעבעכעס אויפ'ן הויף. דער דערמאנטער לאקאטאר האט אבער גע-האלטען אין מיטען לערנען, האט ער נישט מפסיק געווען נאר ווייטער גע-לערנט, און זאגאר דאמאלס, ווען אלע זאכען זענען שוין געלעגען אויפ'ן הויף און עס איז געקומען די רייה אויף איהם אליין, האט ער אויך צו-ליעב שבת, ווי אויך צוליעב ביטול-תורה נישט פראטעסטירט און כסדר געלערנט. און אפילו ווען ער איז שוין געזעסען אויפ'ן הויף אויפ'ן ביסעל ארויסגעווארפענעם מעבעל, האט ער אלץ נאך געהאלטען די גמרא אין האנד און געלערנט.

ערשט, ווען ס'איז צוגעפאלען די נאכט, האט מען דאס ביסעל בעבעכעס אוועקגעטראגען צו בעקאנטע און מען איז אויך אוועק צו אנ'אדוואקאט כדי אנצוקלאגען די נישט-בערעכטיגטע עקס-מיסיע. א גאנצען שבת אבער האט דער דאזיגער רעליגיעזער יוד אויסגע-האלטען און נישט מפסיק געווען...

יעמוד ר' „בונד".

צווישען די ערשטע וואהל-ליסטעס, וואס זענען אריינגעטראגען געווארען אין דער וואהל-קאמיסיע צו דער קהלה, געפינט זיך אויך די ליסטע פון „בונד".

דאס פערגאנגענע מאל האט זיך דער „בונד" אינגאנצען נישט בעטיי-ליגט אין די קהלה-וואהלען, האלטענ-דיג, אז היות די קהלה ערפולט נאר רעליגיעזע פונקציעס, האבען זיי, אלס סאציאליסטישע פארטיי, דארט גאר נישט וואס צו טהון. אויך דאס מאל האבען זיי געהאט בעשלאסען נישט צוגעהן, נאר די לעצטע מינוט האבען זיי צוריקגעצויגען דעם ערשטען בע-שלוס און געהן יא צו די וואהלען אין דער קהלה.

הייסט עס, אז צווישען דעם געווי-מעל פון ליסטעס, וואס וועלען פיגו-רירען ביי די קהלה-וואהלען, וועט אויך זיין די ליסטע פון „בונד", און אויב אזוי איז: יעמוד ר' „בונד"...

מיט'ן פעקיל אונטער'ן ארעם...

פאהרסטו אויף דער באהן, בעגעגענ-סטו אפט די אזוי-גערופענע פעקיל-יודעלעך—דאס הייסט די יעניגע, וועל-כע פאהרען מיט פעקלעך אהין קיין ווארשא און פון ווארשא קיין טשענ-סטאכאוו. היינט רופען זיי זיך וואיא-זשארען, פאקטיש אבער זענען עס יו-דען, וועלכע האלטען אין איין פאהרען מיט'ן פעקיל אונטער'ן ארעם.

די וואך האט מען ביי אונז אויך געזעהן, א חברה יודען מיט פעקלעך אונטער'ן ארעם. דאס זענען זיי ארום-געלאפען מיט די קאנדידאטען-ליסטעס און געבעטען אונטערשריפטען.

טאמער האסטו געזעהן אין גאס לויפען א יוד פערשמאיעט מיט א פע-קיל אין דער האנד, זאָ זאלסט איהר וויסען, אז דאס האט ער נישט געהאל-טען קיין סחורה, נאר א ליסטע וואס האט זיך אנגעזעצט, ווי א געשוויר אונטער'ן ארעם...

לויתן.

זייט ווען האבען מיר צייטונגען?

נישט פערהאנען היינט קיין איין לאנד אין דער וועלט, וואס זאל נישט האבען אייגענע בלעטער, בעסער אדער שלעכטער רעאגירטע, אבער אנ'איינע-נע פרעסע, וועלכע „איז דער אויס-דרוק פונ'ם פאלקס-ווילען", וואס זאל זיין די עפענטליכע מיינונג פון דעם בעטרעפענדען לאנד.

זייט ווען ערשיינען צייטונגען? דאס ווייסט מען היינט נישט אויף גענוי. אזוי פיל איז זיכער, אז די אלטע רוי-מער האבען שוין ארויסגעגעבען צייטונ-גען, די צייטונגען זענען געווען געשרי-בען און זענען געווארען אויפגעהאנגען אויפ'ן פלאץ פון דער רעגירונג אין רוים. יעדער האט זיי געקענט לעזען און אבשרייבען. עס זענען אויך געווען „קאלפארטערען", וואס פלעגען די בלעטער אבשרייבען און ארומטראגען אין די הייזער צו לעזען, אדער זיי גע-שיקט אין דער פראווינץ. דערפאר הא-בען זיי זיך געלאזט שעהן בעצאהלען.

די דאזיגע צייטונגען האבען פער-צייכענט אלעס וואס ס'האט זיך גע-טראפען אין רוים, חוץ דעם זענען גע-ווען צו לעזען אלע געשעהענישען פון דער פראווינץ.

פון די דאזיגע צייטונגען איז פער-האנען איין איינציגער עקזעמפלאר אין בריטישען מוזעאום אין לאנדאן. דאס מוזעאום האט אבער דערצו צוגעגעבען א בעמערקונג, אז ס'איז נישט גאנץ זיכער, אז די צייטונג איז עכט...

מיט יאהרען צוריק איז אויף א גע-וויסען יריד געווען אנ'אויסשטעלונג פון צייטונגען, האט מען דערונטער גע-זעהען א בלאט, וואס איז ארויסגעקו-מען פון אמעריקא פון יאהר 1850. דאס בלאט האט געהאט א גרויס פון 2½ מעטער די הויך און 180 די ברייט. אין דעם דאזיגען בלאט האט די רע-דאקציע מודיע געווען, אז דאס בלאט געהט ארויס זייט'ן יאהר 1650 און דערשיינט איינמאל אין הונדערט יאהר. ס'איז דארט געווען ארומגערעדט אלעס, וואס ס'האט זיך אבגעטהון זייט'ן יאהר 1750 ביז 1850. די צוויי בלעטער, וואס זענען ארויסגעקומען, לויט ווי די רעדאקציע האט פערזיכערט אין יאהר 1650 און 1750 זענען עד היום נישט בנמצא.

אויף וויפיל מ'ווייסט, איז די ער-שטע צייטונג ארויסגעקומען אין יאהר 1688 אין ברעסלוי. ס'איז דערשינען אין קליינעם פארמאט אויף צוויי זייט-לעך געדרוקט. דאס בלאט איז ארויס-געקומען איין מאל אין חודש און האט געהאט א טיראזש פון נייינציג בלעטער, דערפון זענען נור פופציג באמת פער-קויפט געווארען.

די ערשטע טאג-צייטונג איז ארויסגע-קומען אין ענגלאנד אין יאהר 1702. אין פאריז איז ארויסגעקומען די ער-שטע טאג-צייטונג ערשט אין יאהר 1777. אין נעוויארק איז די ערשטע טעגליכע צייטונג ארויסגעקומען ערשט אין יאהר 1784. אין אנדערע לענדער האט מען ערשט אין יאהר 1779 אנגע-הויבען ארויסצוגעבען צייטונגען.

די ערשטע צייטונגען האבען געהאט גאר וועניג לעזער. מ'האט זיך אין יענער צייט נישט אינטערעסירט פאר עניני דיומא, די בלעטער זענען ארויס-געקומען אויף העכסטענס פיער זייטען, צומייסט נור צוויי זייטען און האבען געהאט א טיראזש פון עטליכע הונ-דערט נומערן א טאג, בשעת היינט למשל, האט דער „דיילי עקספרעס" צוויי מיליאן עקזעמפלארען און די „סעטערדיי איווינינג-פאסט, מעהר ווי דריי מיליאן עקזעמפלארען מיט 272 זייטען.

די צייטונגען זענען אומעטום גע-שטאנען אונטער צענזור פון דער מלו-כה. אין ענגלאנד און אין אמעריקא האט מען די צענזור אויפגעהויבען ערשט אין יאהר 1830. אין די מערסטע לענדער בעשטעהט זי נאך עד היום.

דער פאריזער „פיגארא", איז אין דער ערשטער צייט ארויסגעקומען מיט בלויז אנאנסען. אויפ'ן טיטול-בלאט איז געווען צו לעזען, אז: „אין דעם בלאט איז יעדע שורה בעצאהלט געווארען"... אויך היינט האט דאס בלאט די מעהר-סטע און בעסטע אנאנסען און איז צו-ליעב די גוט - בעצאהלטע אנאנסען שטארק פערשפרייט אין דער גאנצער וועלט.

ז. האבער, וויען—פאריז.



„דער יום-טוב פון פוילישען זעלנער" אין טשענסטאָכאָוו.

שבת, דעם 15-טען שערפיען ווערט דורכ'ן מיליטער צוזאמען מיט'ן גאנצען פאָלק געפייערט דער זיעגרייכער יום-טוב פון אָבשטויסען די פיינד פון די טויערען פון ווארשא.

די יאָהרצייט פון דעם דאָזיגען פרייזיגען איבערברוך אין דער מלחמה-געשיכטע, וועט אין טשענסטאכאוו, אזוי גוט ווי אין גאַנץ פוילען, אימפּאָזאַנט געפייערט ווערען.

פרייטאג, דעם 14-טען ד.ח., ערב די פייערונגען, וועט דער קאָמענדאַנט פון גאַרניזאָן אָבנעמען א דעפילאַדע אויפ'ן פיעראַצקי-פּלאַץ פון די פערזאַמעלטע מיליטערישע אבטיילונגען, ווי אויך פון די פעדעראַציעס, ארגאניזאציעס און געזעלשאפטען.

דאַן וועט פארקומען דער פייערליכער אַפּעל נאָך די העלדיש-אומגעקומענע זעלנער, וועלכע האבען אין די יאָהרען 1918—1020 מיט זייער בלוט צעמענטירט די פונדאַמענטען פון פוילען'ס אומאָבהענגיגקייט.

דער המשך פון דער פייערליכקייט וועט פארקומען ביים קבר פון אומבעקאַנטען זעלנער, וואו ס'וועט ווערען אוועקגעלעגט א קראַנץ און דער מיליטערישער אָרקעסטער וועט אָבשפּילען שאָפּען'ס טרויער-מאַרש. דער צאָפּסטוזשיק איבער די גאַסען פון שטאָדט וועט פערענדיגען די פייערליכקייטען פון טאָג.

צומארגענס שבת 9 א זייגער פריה קומט פאר א פייערליכקייט אין דער קירכע, דאַן א דעפילאַדע אויפ'ן פּיעראַצקי-פּלאַץ און אין די נאכמיטאג-שעה'ן וועט דער אָרקעסטער שפּילען א רייה שאָפּונגען, צוו. אנדערע „דער נס ביים ווייסעל" — הערליכע מוזיקאַלישע קאָמעדיע.

אַלע אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטען ווערען געבעטען צאָהלרייך אנטיילצונעמען אין די פייערליכקייטען.

די אַרבייטען אויף נאַרוטאָוויטשאַ גאַס.

די לעצטע טעג איז פארגעקומען א געוויסע שטערונג אין די אַרבייטען אויף נאַרוטאָוויטשא גאס צוליב דעם, וואס דער אַרבייטס-פאָנד האט צוריקגעצויגען די ליפערונג פון 400 טאָן צעמענט, וועלכע האבען געזאָלט פערברויכט ווערען ביים ברוקירען די דערמאנטע גאַס.

אין צוזאמענהאנג מיט דער דאָזיגער אונפערהאָפטער ענדערונג פון דער דעציזיע פון ארבייטס-פאָנד זענען וויצע-פרעזידענט הענשעל און אינזש. גניעווינסקי אוועק קיין ווארשא און אנגענומען שריט, כדי צוריק צו בעקומען דעם נויטיגען צעמענט. די בעמיהונגען זענען געקרוינט געווארען מיט ערפאָלג און נאכ'ן אדורכזעהן די פּאָסטולאָטען פון היגען מאַגיסטראָט, האט דער אַרבייטס-פאָנד מסכים געווען די צוגעזאָגטע אונטערשטיצונג צו געבען, אזוי אַז ארבייטען אויף נארוטאָוויטשא גאס וועלען ווייטער פאָרטגעזעצט ווערען מיט א פערשנעלערטען טעמפּאָ.

א קאָנפערענץ וועגען די טאַקסובקעס.

ווי בעוואוסט, זענען די טאַקסי-אייגענטימער מיט עטליכע טעג צוריק ארויסגעטרעטען צו דער שטאָדט פערוואלטונג מיט א רייה פּאָסטולאָטען אין צוזאַמענהאַנג מיט די נייע פאַרשריפטען וועגען קאָנצעסיעס אויף איבערצופיהרען פּאַסאַזשירען, ווי אויך וועגען דעם צוואנגס-פערזיכערונג פון ציווילער פעראַנטוואָרטליכקייט. דערצו איז נאָך ארויסגערוקט געווארען דער ענין פון צופּאַסען ליטשניקעס צו דער נייער טאַקסע.

נעכטען זענען אויף דער קאָנפערענץ אין מאגיסטראט ארומגערעדט געווארען די אַלע פראגען. די פאָרשטעהער פון דער שטאדט-פערוואלטונג האבען אויפגעקלערט די טאַקסי-בעזיצער, אַז בנוגע דעם ענין פון פערזיכערונג פון ציווילער פעראַנטוואָרטליכקייט, איז דאס ארומגענומען מיט א דעקרעט פון מלוכה-פּרעזידענט. דאַן האבען די טאַקסי-אייגענטימער ארויסגערוקט די בקשה וועגען פערביליגערן די אָבצאָהלען פאר דער קאָנצעסיע פון 100 אויף 25 זל. בנוגע ווידער דעם ענין פון ליטשניקעס, האָבען די טאַקסי-אייגענטימער בעשלאָסען זיך אָבצוזאָגען פון די ליטשניקעס און אזוי-גוט ווי די דראָזשקאָזשעס וועלען זיי פאָהרען לויט א טאַקסע.

די ערשטע קאָנפערענץ האט אבער נישט געגעבען קיין רעזולטאַט. די נאָהנטסטע קאָנפערענץ קומט פאר אין די נעכסטע טעג.

פערהאַלטען געלד-פעלשער.

די לעצטע טעג האבען זיך אויפ'ן שטח פון פויליש קאַמיעניץ בעוויזען אין אומגאַנג פיעל פאַלשע 2 און 5-זלאָטי-מטבעות. די דורכגעפיהרטע אויספאָרשונג האט פעסטגעשטעלט, אַז די פאַלסיפיקאַטען פערשפרייט דער דאָרטווואוינענדער וועבער-אַרבייטער באָלעסלאַוו גאָל.

א לענגערע אָבסערוואַציע האט דערוויזען, אז באָלעסלאַוו גאָל האלט אן אנ'ענגען קאָנטאַקט מיט אַנ'אומבעקאַנטען מאַנספּערשוין פון טשענסטאכאוו, פון וועלכען ער בעקומט דאס דאָזיגע פאַלשע געלד. די אָבסערוואַציע האט אויך פעסטגעשטעלט, אז דער אומבעקאַנטער הייסט יאַן קלומעק, פאַרטיער און וועכטער אין דער שטרימפּף פאַבריק אויף גאַריבאַלדע 9 7. ביי איהם אין דער וואוינונג האבען זיך אויך געפלעגט פערזאַמלען בעקאַנטע קאַלפּאָטערען פון פאַלש געלד פון טשענסטאכאוו און פון ראַדאָמסקער פּאָוויאַט.

דורך דער אויספאָרשונגס-פּאָליציי זענען דאַן פערהאַלטען געוואָרען יאַן קלימעק און באָלעסלאַוו גאָל צוזאמען מיט די זאַכליכע בעווייזען, ווי א פּליסיגקייט צו בעזילבערן די פאַלסיפיקאַטען, פאַלשע 2 און 5-זלאָטי-מטבעות. די פערהאַלטענע זענען איבערגעשיקט געווארען צום אויספאָרשונגס ריכטער, וועלכער האט זיי בעפוילען איינצוזעצען אין תפיסה.

די ידיעה וועגען ענטדעקען פאַלש געלד אין פויליש קאַמיעניץ איז נעכטען געווארען אנגעגעבען, אבער אין ליכט פון די פּאָליצייאישע אויפקלערונגען ווייזט זיך ארויס, אַז דער דערמאַנטער נייגיגער פון טשענסטאכאוו, וועלכער האט זיך בעת דער רעוויזיע צופעליג געפונען אין יערושקא'ס ביצר-שענק, וואו די געלד-פעלשער האבען געשפּילט קאָרטען, איז נישט פערמישט אין דער אַפערע.

פון פּועלי ציון (צ. ס.)

די רשימה פון דער פּאַרטיי צו די קהלה-וואַהלען האט בעקומען דעם נומער 5.

שבת דעם 15 ד. ח. 4-30 נאכמיטאג קומט פאָר אין באראכאוו-היים נייער מארק 2, אַ גרויסע חברים-פערזאַמלונג געווידמעט די קהלה-וואהלען.

איבער דער פּלאטפּאָרם וועלען רעפערירען די ח"ח: ד"ר ג. שאפּער, יהושע שטרויס, יצחק ווין און א. שוואַרץ.

זונטאג, דעם 16 ד. ח. 8 אָוועגד קומט פאָר אין פאַרטיי-לאָקאַל אַ מאָבּיליזאַציאָנס-פערזאַמלונג פון אַלע פּאַרטיי-חברים: העובד, פרייהייט, טראַנספּאָרט און הפּועל.

מעלדונג

שבת פּרשת ראה, 4 א זייגער נאָכמ. אין לאָקאַל פון מזרחי אַלעע 10 וועלען רעפערירען וועגען „די אויפגאַבען פון דער צוקונפטיגער קהלה", דער יו"ר פון מזרחי ר' יוסף שמעון קאָבלינץ א. א.

חברים און סימפּאַטיקער ווערען געבעטען צו קומען מאַסענווייז.

פון קרייז-געריכט.

דער פאָרזיצענדער פון דער אויסערשטאָדטישער אָבטיילונג פון קרייז-געריכט אין טשענסטאָכאָוו, וויצע-פּרעזעס פון קרייז-געריכט אַנטאָני קעלער האט צוריקגעקעהרט פונ'ם אָברוה-אורלויב און איבערגענומען זיין אַמט.

נדבות פאַר דער געזעלשאַפט „תומכי עניים"

ה' פסח שלעזינגער 5 קילאָ ברויט.

דאס לאָדזער-פילהאַרמאָניאַ-טעאַטער מיט „אונגעזעצליכע-קינדער" אין טשענסטאכאוו

פרייטאג, שבת און זונטאג גיט אין טשענסטאכאוו אייניגע גאַסטשפּילען, דער אַנסאַמבל פון לאָדזער „פילהאַרמאָניאַ"-טעאַטער. דער רעפּערטואַר איז זעהר א אינטערעסאַנטער און סענסאַציאָנעלער.

די פּיעסע „אונגעזעצליכע קינדער" איז אין ווארשא געגאַנגען אייניגע חדשים דורכאַנאַנד מיט דזשעק רעכטצייטען מיט א קאָלאָסאַלען ערפאָלג, דאס איז פּשוט געווען דער שלאָגער פון ווארשא. דוכט זיך, אז קיין פּרעטענסיעס אויף קונסט קען דאָ בכלל נישט ארויסגערוקט ווערען, דאס איז אַנ'אַמעריקאַנער כל-בו, וואו מען קען געפינען א סך געלעכטער און אביסעל טרעהרען און א פּאָר אלטע וויצען און א פּאָר נייע טריקען, פון וועלכע דער עולם קאָטשעט זיך פון לאַכען, וואס איז א מיטעל צו פערטרייבען אויף א פּאָר שעה די מרה-שחורה. און דאס איז היינט זעהר און זעהר וויכטיג.

דעריבער איז זיכער, אז דער זאַל וועט ווערען אויסגעפולט ביז'ן לעצטען פּלאַץ.

בילעטען שיין צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באַטשאַן. פרייטאג און זונטאג פון 7 אָוונד ביי דער קאַסע פון פייערלעשער זאַל און שבת פון 11 פריה אין קאַסע פון זאַל „מכבי" קאַטעדראַלנא 13.

מ. ע.

אָנהויב פון שול-יאָהר — דעם 4-טען ווזשעשען.

אין צוזאַמענהאנג מיט'ן נאהנטען טערמין פון אָנהויבען דאס שול-יאָהר אין די גימנאַזיעס און פאָלקס-שולען, האט מין. שוויענטאָסלאַווסקי ארויסגעגעבען א רייה פעראָרדנונגען וועגען ענדערונגען אינ'ם שול-יאָהר 1936—37. די לעציעס וועלען זיך אָנהויבען אין די גימנאַזיעס און פּאָווזשעכנע שולען דעם 4 ווזשעשען. א טאָג פריהער, דעם 3 ווזשעשען וועלען אין אלע געבעטהייזער פארקומען גאָטעסדינסטען לכבוד דעם אָנהויב פון שול-יאָהר.

טראַגישער צוזאמענשטויס.

עהערנעכטען ארום 10 א זייגער פריה, בעת דער אָנגעשטעלטער פון דער הוטע „פּאָקוי" אין קאַטאָוויץ איז מיט אַנ'אויטאָ אַדורכגעפאָהרען דורכ'ן דאָרף טורוב, גמינע אָלשטין, איז ער ארויפגעפאָהרען אויף דעם באַהן-ארבייטער יוזעף לאַנעצקי, וועלכער איז געפאָהרען מיט א ראָווער פון בלאָכאָווניע.

לאַנעצקי איז אראָבגעפאלען פון ראָווער און זיך צושעדיגט דעם קאָפּ. דער ראָווער איז געווארען צוקלאַפּט. דער פערוואונדעטער איז איבערגעפיהרט געווארען אין שפּיטאָל אריין קיין טשענסטאָכאָוו, וואו ס'איז איבער איהם אדורכגעפיהרט געווארען אַנ'אָפּעראַציע.

דעם דאָזיגען פארפאל האט פעראורזאכט אַנ'אנדערער ראָוועריסט, וועלכער איז פּלוצים פערפאָהרען שימאַנסקי'ן דעם וועג. שימאנסקי האט איהם געוואָלט אויסמיידען און ער איז דעריבער ארויפגעפאהרען אויף לאַנעצקי'ן.

רעגיסטראַציע פון יאָהרגאַנג 1918.

אין די ערשטע טעג פון חודש ווזשעשען וועט זיך אָנהויבען די רעגיסטראַציע פון יאָהרגאַנג 1918. אינ'ם דאזיגען ענין וועלען ארויסגעגעבען ווערען ספּעציעלע פעראָרדנונגען, וואס וועלען ענטהאַלטען א גענויען פּלאַן פון דער רעגיסטראַציע.

ערקלערונג

צוליב דעם נישט צושטאַנדקומען פון א איינהייטליכען נאַציאָנאַלען וואַהלבלאָק נעמען מיר בכלל נישט קיין אַנטייל אין די וואַהלען צו דער קהלה און ציהען צוריק די אונטערשריפט פון אונזער פּרעזעס יצחק טשענסטאָכאָווסקי פון די קאַנדידאַטען-דעקלאַראַציע.

וועלט-פערבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטען
אָבטיילונג אין טשענסטאכאוו.

פון וויעלון.

דער וואַהל - קאַמף האָט גובר געווען.

די אַלע בעמיהונגען צו שאפען אַנ'איינהייטליכען בלאָק און אויסצומיידען דעם וואהל-קאַמף האבען זיך ליידער ארויסגעוויזען פאר צוועקלאָז.

די פּאַרטיי-אַמביציע, דער קאַמף-לוסט האט גובר געווען און זיך אַרויסגעוויזען אַלס שטארקער ווי דער שלום, ווי די טובה פון כלל. הפנים, דער שטן אליין האָט זיך אַריינגעלייגט, מסכסך געווען, אַז ס'זאל נישט דערגעהן צו אַ פעראייניגונג און יודען זאָלען זיך צווישען זיך אַרומרייסען.

נאָך שבת האט זיך אויסגעראכט, אַז דער שלום איז געזיכערט, עס האט זיך נאָר געהאַנדעלט דערין, אַז די לינקע אָרגאַניזאַציעס זאָלען צושטעהן צום בלאָק, און אָט זענען זונטאג פּלוצלינג דערגאנגען קלאַנגען, אז אין אגודה-לאגער איז עפּיס נישט אין אָרדנונג, די אגודה'שע יוגענד, די „צעירים" און „פּועלים" זאלען האבען רעוואָלטירט געגען דער אגודה, קוועסטיאָנירט זייערע מאנדאטען און ווילען נישט געהן אין זייער שפּאַן. די קלאנגען האבען זיך אַרויסגעוויזען פאר בעגרינדעט, די אגודה האט פאקטיש נישט געקענט בעהערשען די לאַגע און דאס האט פעראורזאכט א ברוך אין בלאָק.

איצטער האלט עס אלזאָ ביי א וואהל-קאַמף מיט אַלע פּיטשעווקעס. אפשר 8 ליסטעס וועלען זיך בעקעמפען און מאנכע גאָר שאַרף. בלויז וואס ס'איז געלונגען צו שאפען אַ נאַציאָנאַלען בלאָק פון די אלגעמיינע ציוניסטען, מזרחי און רעוויזיאָניסטען, וועלכע נעמען ארום די וויכטיגסטע און אויסגעפּרובטסטע עסקנים אין שטאדט, וועלכע האבען זיך קונה שם געווען מיט זייער עהרליכקייט און געטריי אַרבייטען לטובת הכלל.

איצטער בלייבט זיך איבער צו ווינשען, דאס אויב עס איז שוין נישט געגאנגען איינצוהאלטען דעם וואהל-קאַמף שטראָם, זאָל כאָטש דער קאַמף זיין אַ ווירדיגער אין די ראהמען פון אנשטענדיגקייט, עס זאָל אויסגעמיטען ווערען יעדער פּרוב פון אונטאקטישקייט, פון בעליידיגונגען, שיקאנעס און ווילקיר-אַקטען, אַז מיר זאָלען זיך נישט דאַרפען שעמען פאר אונזערע שכנים.

לאָמיר האָפען, אַז עס וועט ווערען געהאלטען פּאַסאָן און טאקט ווי עס געהערט זיך.

קאַנדידאַטען-ליסטע צו דער וויעלונער קהלה.

ביז מיטוואָך שפּעט זענען אַריינגעטראָגען געוואָרען אין דער וואהל-קאָמיסיע פאָלגענדע קאַנדידאטען ליסטעס:

ליסטע נר. 1 — „נאַציאָנאַלער בלאָק", וועלכער נעמט ארום פאָלגענדע דריי אָרגאַניזאציעס: אַלגעמיינע ציוניסטען, „מזרחי" און רעוויזיאָניסטען. אין דער שפּיץ פיגורירען: ביז-איצטיגער קהלה-פּרעזעס יוסף יונג, פּרעזעס פון דער אַלגעמיין - ציוניסטישער ארגאניזאציע, פּרעזעס פון באַנק קרעדיטאָווי און ביז-איצטיגער דאָזאָר יעקב שאַיאָ, וויצע-פּרעזעס פון „מזרחי", לייטער פון דער יבנה שולע, פּרעזעס פון „לינת הצדק יעקב הערשבערג.

ליסטער נר. 2 — אַלעקסאנדער חסידים: עוזר אובערבוים, שלמה מנדיל אשפּענצין.

ליסטע נר. 3 „מורה הוראה ליסטע"— ר' סאנדיל וואָלקאָוויטש.

ליסטע נר. 4 — בלאָק פון לינקע פּועלי ציון, רעכטע פּועלי ציון און א טייל האַנדווערקער: הערש לייב שימאָנאָוויטש, פרענקעל, מרדכי מאַרקוס.

ליסטע נר 5 על-המשמר-ליסטע: חיים באָרנשטיין, לייזער ליסאַק, מאַקאָווסקי.

ליסטע נר. 6 „התאחדות": שלמה טויבענפליגעל.

ליסטע נר. 7 וועט ווארשיינליך בעקומען די אגודה, וועלכע איז צוליעב די אַרומרייסענישען, וואס הערשען ביי איהר נאָך נישט געווען פערטיג מיט דער ליסטע.

פון איין זייט האט די „אגודת"-יוגענד קוועסטיאָנירט די קאנדידאַטען, וועלכע די „אגודה" האט געזאלט ארויסשטעלען און פון דער צווייטער זייט האבען זיי נישט געלאָזט אַרויסשטעלען די איבעריגע חשובים פון דער אגודה, אזוי אז זיי זענען געבליבען „קרח מכאן און קרח מכאן. די „אגודה" האט ארויסגעלאָזט א מעלדונג, דאס צוליעב געוויסע טעמים זאגט זי זיך אָב ארויסצושטעלען אַ קאנדידאַטען-ליסטע צו דער קהלה און גיט פרייע הענד דעם געוועזענעם שטיבל אליין אַרויסצושטעלען א ליסטע. אַזוי צי אַזוי וועט די ליסטע געוויס צוזאמענגעשטעלט ווערען, אָבער מיט נישט ווייניג גאַל, עגמת נפש און ווייהענישען.

א ניי געבאַקענער קריסטליכער געוועלבסמאַן בעפאַלען און מורא'דיג צושלאָגען זיין יודישען קאָנקורענט, כדי איהם צו פערטרייבען פון דאָרף

אין דאָרף כארזשינא נעבען אָסיאָקאָוו, וואוינט און בעזיצט א קאָלאָניאַל-קראָם דער איינציגער יוד אין דאָרף דער 66-יעהריגער שמואל יצחק סענדראָוויטש. פערג. מאָנטאָג האט זיך אין זיין געוועלב אריינגעריסען זיין נייער קאָנקורענט וולאַדיסלאַוו קאלענדא, וועלכער האט זיך מיט עטליכע וואָכען צוריק געעפענט נעבען איהם אַנ'עהנליך געוועלב. מאכענדיג זיך א טענה, אז סענדראָוויטש האט איהם צוגענומען אַ ראָווער וועגען וואס דער יוד ווייסט נישט צו זאגען, האט דער קריסט גענומען איהם שלאָגען מיט א גראָבען שטעקען איבער'ן קאָפּ און איבער'ן גאנצען קערפּער. ווען נישט דאס, וואס צופעליגע פּויערים, וועלכע האבען זיך געפונען אין געוועלב און איהם אָבגעראַטעוועט, בלייבט א קשיא, צי דער יוד וואָלט אָבגעקומען בלויז מיט שווערע וואונדען אין קאָפּ און אויפ'ן גאַנצען קערפּער.

דער צושלאָגענער סענדראָוויטש וואוינט שוין 36 יאהר אינ'ם דאָזיגען דאָרף, לעבט מיט די פּויערים בשלום און איז זאָגאָר ביי זיי בעליעבט. ווען א פּויער האט זיך געדאַרפט שואל עצה זיין וועגען געלד-זאַכען און אנדערע ענינים איז ער געקומען צום יוד, וועלכער האט איהם ווי אמפּעסטען געראָטען. זייט אָבער דער פרעמדער קריסט האט געעפענט דאס געוועלב, האט דער יוד קיין מנוחה נישט פון די כסדר'דיגע דראָהונגען צו פערלאָזען דאס דאָרף. דער יוד פאהרט צו א רבי'ן, זיך שואל עצה זיין, דער רבי ראָט איהם נישט צו פערלאָזען דאס דאָרף און פערזיכערט, אז ס'וועט איהם קיין שלעכט'ס נישט געשעהן. אָבער אָט איז איהם דער גוי אזוי כוליגאניש און מערדעריש בעפאַלען אין מיטען העלען טאָג, אין זיין אייגען געוועלב.

דער צושלאָגענער סענדראָוויטש האט זיך געוואָנדען נאָך אסיאקאוו וועגען הילף, אָבער די פּאָליציי האט זיך קאָלט אָבגערופען. ער איז דעריבער געקומען קיין וויעלון, וואו די פּאָליציי האט אינטערוועניערט און טעלעפאָניש פעראָרדענט קאלענדען צו אַרעסטירען.

דער פאַקט האט געמאכט א שווערען איינדרוק אין דער גאנצער געגענד.

עקאָנאָמישער קאַמף—„אָוושעם" און כוליגאַניזם—נישט. מען זעהט אַלזאָ ווי די ביידע געהען שטאַרק גערעמט. עקאָנאָמישער אויסראָטונגס קאַמף געגען יודען און כוליגאניזם געהען האַנד ביי האַנד און לאָזען זיך נישט ענטשיידען.

קינאָ-רעפּערטואַר

ביז מאָנטאָג: Kino „Goplana" Samochód 99, Kino „Hel"— „Noce Egipskie".

חאַיעוואָדע ד"ר דזיאַדאָש אין טשענסטאָכאָוו.

נעכטען אין די פריהמארגען שעה'ן האט אין אונזער שטאדט געוויילט דער קעלצער וואָיעוואודע דר. דזיאַדאָש, וועלכער האט אין דער געזעלשאפט פון סטאַראָסטע ראַגאָווסקי אדורכגעפיהרט א לוסטראַציע פון עטליכע גאַסען נאך פאר 8 א זייגער פריה.

פונקטליך 8 א זייגער פריה איז דער וואיעוואודע געקומען אין „אוזשאָנד סקאַרבאָווי", דאן אין אינספעקטאָראַט פון דער גרעניץ-וואך און 8 30 א זייגער — אין מאגיסטראט, וואו ער האט אבגעהאלטען א קאנפערענץ מיט'ן פרעזידענט ק. מאָסאָל און לוסטרירט א רייה אבטיילונגען.

גלייכצייטיג האט 8 א זיינער פריה דער נאַטשעלניק פון דער בוי-קאָמוניקאַציע אבטיילונג פון וואיעוואדישען אַמט אינזש. קרוג לוסטרירט די טעכנישע אבטיילונג פון מאגיסטראט, ווי אויך מאַנכע שאָסעע-אַרבייטען.

אין דער זעלבער צייט האט דער דירעקטאר פון וואָיעוואדישען ארבייטס-פאָנד ה' פיוואָנסקי אדורכגעפיהרט אַנ'-אינספעקציע פון דער אָרטינער עקספאָזיטור פון וואָיעוואדישען אַרבייטס פאנד.

אָרום 10 א זייגער פריה איז פארגעקומען א קורצע קאנפערענץ אין גאָבינעט פון סטאראסטע, ביים אנטייל פון פרעז. מאָטאָל און דאן אין וואָיעוואודע דר. דזיאַדאָש אבגעפאהרען אין דער ריכטונג קיין וולאָשטשאָווע.

דער מאָרגענדיגער מאַסען - צונויפקום פון ענדעקעס אין טשענסטאַכאָוו.

פרעזעס ראָזענבערג'ס אינטערווענץ וועגען דער העצערישער פראָפאַגאַנדע פון די נאַראַ-לייט.

אויף די מויערן .אין טשענסטאכאוו און וואַרשיינליך אויך אין אנדערע שטעדט זענען אויסגעהאַנגען געווארען פלאַקאַטען פון דער ענדעציע, וועלכע פאָדערט אויף אלע קריסטען צו קומען אויף מאָרגען שבת, דעם 15 אויגוסט צו דער יאַסנאַ גוראַ, אין צוזאַמענהאנג מיט'ן „נס ביי דער ווייסעל", וואס איז געשעהען אין יאָהר 1920, ווען דער פוילישער אָרמעע איז געלונגען אָבצושטויסען דעם אָנגריף פון די באָלשעוויקעס אויף פוילען.

אויף די זעלבע פלאַקאַטען געפינט זיך דער סימבאָל פון די יודענפרעסערישע נאַראַ - לייט — דאס „כראָברישווערדעל" און פון אונטען זענען פערהאַן אזעלכע לאָזונגען, ווי: „דער נצחון פון דער יודעאָ-קאָמונאַ איז א קבר פאר פוילען" און „נאָר דער ענדעקישער לאַגער וועט צושמעטערן די יודעאָ-קאָמונאַ".

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואס א מאַסען-צונויפקום פון ענדעקעס קיין טשענסטאכאוו איז עלול ביי אַזאַ העצערישער פראָפאַגאַנדע צו אָרויסטרעטונגען געגען יודען, האט פרעזעס ראָזענבערג נעכטען בעזוכט דעם סטאַראָסטע ראַגאָווסקי און איהם אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער פאַנישער שטימונג, וועלכע הערשט צוליב דעם צווישען דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

דער סטאַראָסטע האט ערקלערט דעם פרעזעס ראָזענבערג, אַז ער וועט אָננעהמען אלע מעגליכע מיטלען, כדי נישט צו דערלאָזען צו קיין שום אַנטי-יודישע אָרויסטרעטונגען.

ס'וואלט דאך געווען געוואונשען, אַז כדי אויסצומיידען וועלכע ס'איז אינצידענטען זאָלען די יודען ווי-מעגליך וועניגער שפאַצירען שבת אין די אַלעען.

נאמינאַציע פון געוו. היגען פאָליצײ-קאָמענדאַנט.

אין צוזאַמענהאנג מיט'ן אָבטרעטען פון זיין ביז איצטיגען אַמט פונ'ם געוו. היגען פאָליציי - קאָמענדאַנט קאָמיסאר טשעשעלסקי איז געווען זיינער צייט פערעפענטליכט א פאַלשע ידיעה וועגען דער נאָמינאַציע פון קאָמיסאר טשעשעלסקי אויפ'ן אַמט פון פאָוויאטאָווע קאָמענדאנט אין לאַסק.

איצט ווערט מיטגעטיילט, אז קאַמ. טשעשעלסקי איז געווארען נאָמינירט אויף א מעהר פעראנטוואָרטליכען און שווערערען אמט אלס פאָוויאטאָווע פאָליציי-קאָמענדאנט פון בענדינער פאָוויאט און פון דער שטאדט סאָסנאָוויץ.

געג. גאַמעלין אַדורכגעפאָהרען טשענסטאַכאָוו.

מיטוואָך 9 02 אינדערפריה איז מיט'ן וויענער עקספּרעס צוג אויפ'ן וועג קיין ווארשא, אדורכגעפאָהרען דורך טשענסטאכאָוו דער הויפט-פיהרער פון דער פראנצויזישער אָרמעע געג. גאַמעלין.

דער צוג מיט א צוגעטשעפעטען סאַלאַן וואַגאָן, אין וועלכען עס זענען געפאָהרען געג. גאַמעלין צוזאמען מיט פראנצויזישע און פוילישע אָפיצירען, איז נאך א 3 מינוטיגען אָבּרוה געפאָהרען ווייטער קיין ווארשא.

חיזיט פון גענעראַלען אין טשענסטאַכאָוו.

מיטוואָך האבען אין אונזער שטאָדט געוויילט אדורכפאָהרענדיג די גענעראַלען מאַנד און נייגעבויער.

פערהאַלטען יוגענדליכע גנבים.

דורך דער פאָליציי איז פערהאַלטען געוואָרען: וואדיסלאוו מושאָל, וועלכער וואוינט אינ'ם נאַכטלעגער-הויז ביים מאַגיסטראַט און יאַן יאַנטשאַרעק, אָהן שטענדיגען וואוין-אָרט .ביי די פערהאַלטענע זענען געפונען געוואָרען וויטריכעס און אנדערע איינבּרוך מכשירים, מיט וועלכע זיי האבען געפּלאַנט זיך אַריינצובעקומען אין איינער פון די וואוינונגען אויף וויעלונער מאַרק און אויסצופיהרען א גנבה.

אַ זוהן פערטיידיגט זיין מוטער מיט אַ האַק.

דעם 17 יולי פ.י. איז צווישען מאריא שמערדט און איהר שכנ'טע קלעשטשעווסקאַ געקומען צו א שארפען קאָנפליקט, בעת וועלכען דער לעצטער'ס 40-יעהריגער זוהן טעאָפיל קלעשטשעווסקי האט זיך געשטעלט אין דער פערטיידיגונג פון זיין מוטער און מיט א האָק לייכט פערוואונדעט די פרוי שמערדט.

די בע'עולה'טע האט אַנגעקלאגט קלעשטשעווסקי'ן אין געריכט. דאס שטאדטישע געריכט האט קלעשטשעווסקי'ן פער'משפט אויף 2 חדשים, גור אויפ'ן סמך פון דער אַמנעסטיע איהם די שטראָף געשענקט.

אנ'אונצופרידענער פונ'ם אורטייל האט קלעשטשעווסקי אַפּעלירט צום קרייז-געריכט, וועלכעס האט נאכ'ן אויסהערען די רעדעס פון די צדדים דעם אורטייל פון . דער ערשטער אינסטאַנץ בעשטעטיגט.

מינימאַל געשטיגען די אויסהאַלטונגס-קאָסטען אין טשענסטאַכאָוו.

אונטער'ן פאָרזיץ פון אַרבייטס פאָד-אינספעקטאר אינזש. שובּאַרטאָווסקי איז אין ארבייטס אינספעקטאָראט פארגעקומען די חודש'ליכע זיצונג פון דער סטאַטיסטישער קאמיסע פעסטצושטעלען די ענדערונגען פון די אויסהאלטונגס-קאָסטען.

די דאזיגע קאמיסיע האט פעסטגעשטעלט, אז די אויסהאלטונגס קאסטען פון אנ'אַרבייטער-פאמיליע פון 4 פערזאָן אין חודש ליפיעץ האט בעטראפען 3.49 זל. טעגליך, ד. ה. מיט 0.58 מעהר ווי אין פויריגען חודש. דערויף האט גע-האָט אנ'איינפלוס די שטייגערונג פון אייער.

איבּערגעטראָגען דאָס אַרבייטס-געריכט.

אין אָקטאָבער וועט איבּערגעטראָגען ווערען דאס אַרבייטס געריכט פונ'ם ביז-יעצטיגען לאָקאָל, קילינסקי 13 אינ'ם נייעם לאָקאל 3-טע אלעע נר. 53, וואו ס'געפינט זיך דאס שטאָדטישע געריכט.

אַ „בונט" ביי די וויערושאָווער חסידים.

ווי מיר ווערען געוואויר, האט די „אגודה" נעכטען, ממש אין דער לעצטער מינוט, געמאַכט נאך אַ פּרוב צו שליסען אַ שלום מיט די וויערושאָווער חסידים. טראָץ דעם, וואס די „אגודה"-ליסטע איז שוין אָריינגעטראָגען, האט זי זיך ערקלערט גרייט צו געבען דעם צווייטען פּלאַץ אויף איהר ליסטע פאר די וויערושאָווער חסידים און האט זאָגאָר מסכים געווען אויף דעם קאַנדידאַט, טראָץ וואס ער איז נישט פּאָפּולער אפילו ביי זיינע אייגענע מענשען. די עטליכע פערזאָן, וועלכע ווילען דוקא אַנגעהן אַלס פערטרעטער פון די וויערושאָווער חסידים האבען אָבער אָרויסגעשטעלט משונה'דיגע פאָדערונגען און זייער „ליסטע פיהרער" האט זיך געמאכט אַ ברוגז און ענטלאָפען פון דער קאָנפערענץ, אַזוי, אַז פון דעם בלאָק איז גאָרנישט געוואָרען.

ווי מ'אינפאָרמירט אונז, הערשט אין די קרייזען פון די וויערושאָווער חסידים אַנ'אויסערגעוועהנליכע אויפרעגונג געגען זייערע „קאַמפּס-לוסטיגע" ליסטע פיהרער.

דער עולם „בונטעוועט" ויך און עס איז היימליך...

צוזאַמענפאָהר פון פילגרימער און ענדעקעס דעם 15-טען שערפיען.

שבת, דעם 15 ד.ח., אינ'ם יאָהרטאָג פון „נס ביי דער ווייסעל" ווערט ערוואַרט דאס קומען פון אַנ'ערך 20.000 פילגרימער קיין טשענסטאַכאָוו. צאָהלרייך זאָגט צו צו זיין דער צוזאַמענפליה פון „סאָקאָל" און „סטראַנניצטוואָ נאַראָדאָווע", וועלכע קומען פאר דעמזעלבען טאָג.

שוידערליבער מאָרד פון אַ זקנה.

אין דאָרף טוכיב (גמינע אָלשטין) איז מיט עטליכע טעג צוריק אויסגעפיהרט געווארען א בלוטיגער מאָרד איבער א 60-יעהריגער זקנה. דעם מאָרד האט אויסגעפיהרט דער קצב ראָמאַן דודעק פון דאָרף בּוקאָוונאָ, גמינע אָלשטין.

דער דערמאַנטער דודעק איז געקומען קיין טורוב מיט א בעזוך צו זיין ברודער. נאך א פרעהליכע מאַלצייט האט ראָמאן דודעק זיך פּלוצים אויפגעריסען פון אָרט, געכאַפּט א גראַבען שטעקען און זיך געוואָרפען אויף זיין ברודער'ס ווייב, א 60 יעהריגע זקנה, שלאָגענדיג זי אונברחמנות'דיג. דער בעפאַלענער'ס מאַן האט געפּרובט צו שטעלען א ווי-דערשטאַנד, אָבער ווען דער צווילדעוועטער ברודער האט איהם געגומען דראָהען מיט'ן רעוואָלווער, האט ער זיך בעהאַלטען אין גאָרטען און פון דאָרט צוגעזעהן דאס ווייטערדיגע אונברחמנות'דיגע קאַטעווען זיין פרוי.

אין דער וואוינונג האבען זיך דאן אָבגעשפּילט אונגעוועהנליכע סצענעס. דודעק האט רויכערענדיג א פּאַפּיראָס כסדר געשלאָגען איבער'ן קאָפּ און נאַנצען קערפּער די שוין שטאַרק צובלוטיגטע און קרעכצענדע פרוי. און ווען דער שטעקען האט זיך דעם אונברחמנות'דיגען מערדער צוברָאָכען, איז ער ארויס אויפ'ן הויף און געבּרענגט א צווייטען, מיט וועלכען ער האט פאָרטגעזעצט זיין מיאוס'ען טהאָט ביז זיין קרבן איז געבּליבען צושמעטערט אָהן סימנים פון לעבען. דאן איז ער ארויס אין שכנות'דיגען געוועלב און געקויפט פּאַפּיראָסען.

די פּאָליציי האט ארעסטירט דעם גרויזאַמען מערדער און פיהרט אַנ'אויספאָרשונג, כּדי פעסטצושטעלען די סיבה וואס האט דודעק'ן בעוואויגען אראָבצורוימען אויף אַזאַ אכזריות'דיגען אופן פון דער וועלט די זקנה.

בעפאַלען אַ באַהן-וועכטער.

ביים באַהן-דורכפאָהר אויף סטראַדאָם איז געשטאַנען אויף דער וואָך דער באַהן-פונקציאָנאַר פּיאָטר וואָרמוס. אין א געוויסען מאָמענט איז צו איהם צוגעשפּרונגען זיגמונט שמידלאַ און איהם דערלאַנגט מיט א שטעקען איבער'ן קאָפּ. די סיבה איז פאָרלויפיג נישט בעוואוסט. שמידלאַ איז געוואָרען פערהאַלטען.

וועגען די רעכט פון וועקסלען און זשירעס, וועלכע זענען געגעבען געוואָרען אין בלאַנקאָ.

דאס וועקסעל געזעץ און די אורטיילען פון העכסטען געריכט ערלויבען דעם בעזיצער פון א אינבלאַנקאָ-וועקסעל דאס אויסצושרייבען. עס ווערט אָנגענומען דער פּרינציפּ, אַז דערמיט וואס מען האט ארויסגעגעבען א אינבלאַנקאָ-וועקסעל האט דער אונטערגעשריבענער דערמיט געגעבען דעם וועקסעל-בעזיצער דאס רעכט אויסצושרייבען דאס געלד, אָבער דאס אינבלאַנקאָ-וועקסעל מוז פאַרקומען לויט'ן ווילען פון אונטערגעשריבענעם, אויב אָבער מען שרייבט אויס דאס וועקסעל, דעם דאָקומענט, נישט לויט'ן ווילען, ווי עס איז געווען אבגערעדט מיט'ן אונטערגעשריבענעם, דאמאלט איז עס א פערברעכען אין זין פון ארט. 194 פון שטראף-קאָדעקס.

דאס זעלבע איז מיט א זשירא אינבלאַנקאָ.

די ארטיקלען 12 און 13 פון וועקסעל-געזעץ בעשטימען, אז א אינבלאנקא-זשירא איז גילטיג און מען קאן זי אויסשרייבען. אָבער מען מעג אויסשרייבען נאר לויט ווי עס איז געווען אבגערעדט ביים געבען דעם אונטערשריפט, דאס וועקסעל-געזעץ ערלויבט אויסצושרייבען די אינבלאַנקאָ-זשירע מיט דער דאטע. ווייטערדיגע נעמען אויף וועמען מען טרעט אָפּ דאס וועקסעל, אָבער מען טאָר נישט ענדערען דעם כאראקטער פון דער זשירע ווי מען האט זיך אויסגערעדט.

ווען א זשיראנט וואס האט זיין אונטערשריפט געגעבען אינבלאַנקאָ און דער בעזיצער האט אליין צוגעשריבען די ווערטער „פּאָרענטשאם סאָלידאַרניע" איז געגוג דאס דער זשיראנט זאָל ערקלערען אין געריכט, אַז ער האט זיין זשירע-אונטערשריפט געגעבען אינבלאַנקאָ און, אז די „פּאָרענטשעניע" בעמערקונג האט דער וועקסעל-בעזיצער אליין צוגעשריבען און דאס געריכט קאן שוין נישט ארויסגעבען אַ אורטייל אויפ'ן זשיראנט. אין אַזאַ פאַל מוז דער וועקסעל-בעזיצער אויפווייזען, אז מיט דעם בלאנקאָ-אונטערשריפט האט מען געמיינט נישט צו געבען א זשירא נאָר מען האט דערמיט געמיינט צו געבען א פּאָרענטשעניע פאר דעם אויסשטעלער. אזוי האבען בעשטימט איינינע אורטיילען פון העכסטען געריכט. אויב אָבער מען האט דעם אינבלאנקא - אונטערשריפט געגעבען אלס זשירע נישט „פּאָרענטשעניע" קאן מען פערקלאָגט ווערען לויט'ן ארט. 194 פון שמראף-קאָדעקס.

טאַקסי איבערגעפאָהרען אַ קינד צום טויט.

אויף סטראַדאָם איז נעכטען געשעהן א טראַגישער פאַרפאָל פון איבערפאָהרען דאס 7-יעהריגע מיידעלע אירענא מאַלינסקאַ דורך א טאַקסי, וואס איז אָנגעפיהרט געווארען דורכ'ן שאָפער מאריאן סקאָלאָווסקי.

ארום 6 א זייגער אוועגד האט זיך א גרופּע קינדער געשפּילט ביים ברעג טייך און אינ'ם מאמענט, ווען די טאַקסי איז אָנגעפאָהרען האט דאס טראַגישפערשטאָרבענע מיידעלע געפּרובט אָריבערגעהן די גאָס און אונטערגעפאַלען אונטער די רעדער פון אויטאָ.

דער שאָפער האט אבגעשטעלט דעם אויטאָ און אָריבערגעפיהרט דאס קינד אין שפיטאָל אריין, וואו ס'איז נאך א קורצע צייט געשטאָרבען.

איז 1-טען קאָמיסאַריאַט

געפינט זיך אָבצונעמען געפונענע דראָהט.

prośki dla dorosłych ze zn. fabr.
KOWALSKINA
stosuje się przy uporczywych
BÓLACH GŁOWY

טאָכטער בע'גנב'עט איהר אייגענע מוטער.

ראָזאַליאַ רובעל האט געמאלדען דער פּאָליציי, אַז איהר טאָכטער אַנטאָנינאַ וואָראָנסקאַ האט ביי איהר צוגענומען בעטגעוואַנד, וועש און אָנציגער אין דער אַלגעמיינער ווערט פון 50 זל.

עגזיסטירט פון 1898 יאָהר.
אין דער גוט-בעקאַנטער
דרוקעריי פון
ב. באָטשאַן
1 אַלעע 6
טעלעפ. 22-01
ווערט אויסגעפיהרט שעהן און אַקוראַט אַלערארט דרוק-ארבייט,
— ווי: —
בריעף - בויגען
קאָפּערטען
פּאָסט-קארטען
חתונה-קארטען
בראָשורען
קוויטאַנציעס
אַפּישען
פלוג - צעטלען
קלעפּסידרעס
א. ד. גל. ביליגער ווי איבעראל.
בעמערקונג: קלעפּסידרעס ווערען אויסגעפערטיגט און אויסגעקלעבט אין משך פון 1 שעה.

פון ספאָרט

„נאַפּושוד" (ליפּין) — „טשענסטאָכובקאַ" 5:0.

פערג. זונטאג האט אין טשענסטאכאוו געשפּילט א פוטבאָל-מעטש די שלעזישע ליגע-מאַנשאַפט „נאַפּושוד" פון ליפּין און געשלאָגען „טשענסטאָכובקע" 5:0.

„וויקטאָריאַ" — „סקראַ" 4:1.

„אַדמירע" — „וויקטאָריא" 4:3.

„אָרלענטאַ" — „הכח" 4:2.

LEKARZ - DENTYSTA
D. GLIKSON
Wieluń
NARUTOWICZA № 6.
Ceny zniżone.

KINO „EDEN".
דאס בענייען דעם הערליכסטען פוילישען פילם
STRASZNY
dwór
לויט סט. מאָניושקאָ.
עס נעמען אַנטייל די בעסטע פוילישע אָפּערן-ארטיסטען און באַלעט

Kino „LUNA"
הייגט!
Całe miasto
o tem mówi
אין דער הויפּט-ראָל:
עדוואַרד ראָבינסאָן
איבער'ן פּראָגראַם: קלאַנג - צוגאָבען.
אָנהויב 6 אָוועגד.

Redaktor i wydawca: B. Bocian

Druk. B. Bocian, Aleja 6